# דער
# פרשה קוואל

צוזאמען גענומען
פון די שמועסן פון

מורינו הגה"צ
ר' אברהם אלימלך
בידרמן שליט"א

חקת

מכון
באר האמונה

יו"ל ע"י

**מכון 'באר האמונה'**


זיך איינצושרייבען צו באקומען די גיליון
וועכנטליך אויף אימייל און פאר הערות
אין הארות מעלדט אייך צו:
אימייל: Mail@derparshakval.com
טלפון: 1347-871-8285
**לשמיעת השיעורים בקול הלשון: 718-906-6444**



©
**כל הזכויות שמורות למו"ל**

# אינהאלט

## חקת

אין לך רשות להרהר אחריה - גלייבן מיט אמונה פשוטה אָן קיין חכמות ........................................ א
חשבונו של עולם - דער אויבערשטער פירט די וועלט פאַר אונזער טובה ........................................ ז
עינינו אל ה׳ - דער אויבערשטער גליסט אַז די זאלסט זיין אָנגעוואָנדן אין איהם ........................................ יא

# חוקת

**אין לך רשות להרהר אחריה - גלייבן מיט אמונה פשוטה אָן קיין חכמות**

**זאת** חוקת התורה אשר צוה ה' לאמור, דבר אל בני ישראל ויקחו אליך פרה אדומה תמימה אשר אין בה מום אשר לא עלה עליה עול (יט, ב). זאָגט רש"י, "לפי שהשטן ואומות העולם מונין את ישראל לומר מה המצוה הזאת ומה טעם יש בה, לפיכך כתב בה חוקה, גזירה היא מלפני ואין לך רשות להרהר אחריה" (יומא סז:). דער שטן און די גוים טשעפּען מיט די אידן, זיי זאָגן, "וואָס איז דער טעם פון די דאָזיגע מצוה?" (פרה אדומה), וועגן דעם זאָגט דער פסוק "חוקת התורה", אַז עס איז אַ געזעץ, אַ גזירה פון דעם אויבערשטען, און מ'טאָר נישט נאָכטראַכטן נאָך איר.

**זאָגן** די ספרים, די פרה אדומה קומט דאָך כדי מטהר צו זיין דעם מענטש. אויף דעם זאָגט רש"י דאָ ביי פרה אדומה: "אין לך רשות להרהר אחריה", דער תכלית פון טהרה איז, דער מענטש זאָל נישט נאָכטראַכטן נאָך די וועגן פון דעם אויבערשטען אויב זיי זענען גוט, אָדער חלילה נישט, נאָר ער זאָל גלייבן באמונה תמימה ושלימה, ווי דער פסוק זאָגט (דברים יח, יג) "תמים תהיה עם ה' אלקיך", זאָגט רש"י: "התהלך עמו בתמימות, ותצפה לו" - דו זאָלסט גיין מיט דעם אויבערשטען מיט תמימות, און דו זאָלסט אַרויסקוקן צו איהם און האָפען אויף זיין ישועה. "ולא תחקור אחר העתידות" - און דו זאָלסט נישט נאָכפאָרשן צו וועלן וויסן וואָס עס וועט זיין אין דער צוקונפט. "אלא, כל מה שיבוא עליך, קבל בתמימות" - נאָר אַלעס וואָס וועט קומען אויף דיר, זאָלסטו אָננעמען מיט תמימות. "ואז תהיה עמו ולחלקו" - און דעמאָלס וועסטו זיין מיט'ן אויבערשטען, און צו זיין חלק[א].

**דער** "ישמח ישראל" (פרשתינו, אות א') פרעגט, פאַרוואָס זאָגט רש"י אַז די מצוה פון פרה אדומה איז אַ געזעץ, אָן אַ טעם ("חק בלי טעם"), רש"י אַליין ברענגט דאָך שפּעטער אין דער פרשה, אין נאָמען פון רבי משה הדרשן, אַז די פרה אדומה איז געקומען אַלס אַ

---

**א.** אַ מענטש האָט משתוקק געווען צו קענען שיחת חיות בהמות ועופות, און ער האָט שטאַרק מפציר געווען זיין רבי'ן, ער זאָל איהם אויסלערנען די דאָזיגע חכמה. זיין רבי, האָט איהם אָבער כסדר אָפּגעזאָגט, מיט די טענה, צו וואָס דאַרפסטו עס האָבן? עס איז דאָך בעסער דו זאָלסט דינען דעם באַשעפער מיט תמימות.

נאָך לאַנגע הפצרות, האָט זיין רבי איינגעשטימט איהם אויסצולערנען די שפראַך פון חיות, בהמות און עופות, און ער האָט איהם אויסגעלערנט, ביז ער איז געווען בקי דערין. איין טאָג, איז ער אַרויסגעגאַנגען געבן צו עסן פאַר די בהמות, און ער האָט געהערט ווי איין אָקס קרעכצט, און זיין ברודער האָט איהם געפרעגט פאַרוואָס ער קרעכצט, און ער האָט געענטפערט, "איך האָב געהערט אויסרופן אַ 'כרוז', אַז אין דער נאָענטער צוקונפט וועט אויסברעכן אַ 'דבר' (מאָרד) צווישן די בהמות פון אונזער בעל הבית, און וועגן דעם קרעכץ איך, ווייל עס טוט מיר לייד אַז עס וועט קומען אַ סוף צו אַלע איינוואוינער פון דעם שטאַל...

ווען דער באַלעבאַס האָט געהערט דעם שמועס פון די אָקסן, האָט ער שנעל פאַרקויפט אַלע זיינע בהמות צום שוחט, און אַזוי האָט ער געראַטעוועט זיין פאַרמעגן. אַ חודש שפּעטער, איז ער אַרויסגעגאַנגען געבן צו עסן פאַר זיינע עופות, און ער האָט געהערט ווי אַ האָן דערציילט וועגן אַ פאַרפלייצונג וואָס גייט אויסברעכן אין די פעלדער פון דעם באַלעבאָס. איז דער באַלעבאָס אויך דאָס מאָל געוואָרן דערשראָקן, און האָט פאַרקויפט אַלע זיינע פעלדער פאַר אַ צווייטן, גלויבנדיג אַז דערמיט האָט ער געראַטעוועט זיין פאַרמעגן פון אַ פאַרלוסט, און ער האָט זיך גאָר שטאַרק געפרייט מיט דעם וואָס ער האָט זיך אויסגעלערנט צו פאַרשטיין די שמועסן פון די חיות און עופות, ווייל אַזוי אַרום האָט ער געראַטעוועט זיינע פאַרמעגנס.

אַלזאָ, אין אַ געוויסן טאָג, ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען אַרבעטן, האָט ער געהערט דעם קול פון אַ בעל חי ווי ער שרייט, אַז אינגיכן וועט דער באַלעבאָס אַוועק פון דער וועלט רח"ל, ווייל עס איז נגזר געוואָרן אויף איהם אַז ער זאָל שטאַרבן פאַר די צייט רח"ל. ווען דער באַלעבאָס האָט געהערט די ווערטער פון דעם בעל חי, איז ער געוואָרן שטאַרק דערציטערט, און ער איז אַריבערגעלאָפן צו זיין רבי'ן וואָס האָט איהם אויסגעלערנט די חכמה

כפרה אויפ'ן חטא העגל, "תבוא אמו ותקנח צואת בנה" - זאָל קומען די קוה, וואָס איז די מאמע פונעם קעלבל, און זי זאָל אָפּווישן דאָס וואָס איר זון האָט פאַרשמירט. זעהט מען דאָך אַז די מצוה פון פרה אדומה האָט יאָ אַ טעם?

**ענטפערט** דער "ישמח ישראל", אין נאָמען פון הרה"ק רבי יצחק'ל וואָרקער זי"ע, אַז דער חטא העגל איז געקומען דערפאַר ווייל עס האָט געפעלט אמונה אין די הערצער פון די אידן. זיי האָבן אַלעס געוואָלט "וויסן און פאַרשטיין", וואו משה רבינו ע"ה איז, ווי די אידן אַליין האָבן געזאָגט (שמות לב, א) "כי זה משה האיש אשר העלנו מארץ מצרים, לא ידענו מה היה לו" - משה, וועלכער האָט אונז אַרויסגענומען פון מצרים, ווייסן מיר נישט וואָס עס האָט מיט איהם פאַסירט.

**דאָס** איז גערעכנט געוואָרן פאַר די אידן ווי אַ "פגם", ווייל וואָס איז זיי דען אַ נפקא-מינה אויב זיי ווייסן וואו משה געפינט זיך, אָדער זיי ווייסן נישט?... זיי האָבן געדאַרפט נאָכגיין נאָך דעם אויבערשטען מיט תמימות, אָן קיין "חשבונות".

**אַלס** אַ "תשובת המשקל" אויפ'ן חטא העגל וואו זיי האָבן געוואָלט "צופיל וויסן", דאַרפן די אידן ברענגען אַ פרה, כדי צו זוכן וועגן צו האָבן אמונה פשוטה, אָן וויסן "צו פאַרשטיין". וועגן דעם האָט דער אויבערשטער זיי באַפוילן צו טוהן אַ מצוה וואָס איז אַ "חוקה", אָן אַ טעם. זיי זאָלן עס מקיים זיין נאָר מיט'ן כח פון אמונה[ב], און דאַן וועט זיי פאַרגעבן ווערן דער חסרון פון אמונה וואָס האָט זיי צוגעברענגט צו מאַכן דעם עגל.

---

פון שיחת חיות ועופות. ער האָט זיך געבעטן ביי איהם ער זאָל איהם העלפן. האָט דער רבי איהם געענטפערט, "איך האָב דאָך דיר געבעטן דו זאָלסט נישט גיין אויף דעם וועג, נאָר דו זאָלסט אומגיין מיט'ן אויבערשטען מיט תמימות. מיר ווייסן דאָך אַז 'יוסיף דעת יוסיף מכאוב'. אויב דו וואָלסט נישט געראַטעוועט דיין געלט פון פאַרלוסט, וואָלסטו יעצט זיכער געראַטעוועט געוואָרן פון טויט, ווייל דער צער פון דעם שאָדן וואָלט געווען דיין כפרה, ווי עס שטייט אין תיקוני זוהר (קמג:) 'אית מאן דפרע בנפשו ואית מאן דפרע בממונו'. עס איז דאָ אַ מענטש וואָס צאָלט מיט זיין גוף ח"ו, און עס איז דאָ איינער וואָס צאָלט מיט זיין געלט. אָבער וויבאַלד דו האָסט זיך איבערגעקליגט צו ראַטעווען דיין פאַרמעגן, איז געפאַלן די גזירה אויף דיין קאָפּ רח"ל".

כ"ק מוח"ז הרה"ק רבי יצחק אייזיק זי"ע, אדמו"ר מזוטשקא, שרייבט ("נחל יצחק", פ' קרח) אַז ער האָט געהערט די מעשה פון זיין טאַטן, הרה"ק רבי איתמר מנאַדבורנא זי"ע. און ער פירט אויס: "זעהען מיר פון דעם, אַז דער מענטש דאַרף זיך אומגיין מיט תמימות און בטחון, און זיך פרייען מיט זיין חלק וואָס דער אויבערשטער האָט איהם געשאָנקען. ער זאָל נישט גליסטן צו דעם וואָס אַנדערע מענטשן האָבן. נאָר מ'דאַרף וויסן קלאָר, אַז אויב דער אויבערשטער האָט דיר נישט געגעבן מער ווי דאָס וואָס די פאַרמאָגסט, איז עס אַ סימן אַז עס איז פאַר דיין טובה, און ס'איז מעגליך אַז אויב די וואָלסט באַקומען רייכטום און כבוד, וואָלסטו ח"ו געדאַרפט ליידן פאַר דעם יסורים נוראים ח"ו אין געזונט אָדער ביי קינדער, און דער אויבערשטער האָט דיר פאַרמיטן פון דעם אַלעם מיט זיין גרויסן גענאָד", עכ"ל.

מיר קענען צולייגן, אַז דאָס איז געזאָגט געוואָרן נישט נאָר לגבי "שיחת בעלי חיים", נאָר אויך ביי "שיחת בני אדם" - שמועסן וואָס מענטשן רעדן... ווען מ'הערט ווי אַנדערע מענטשן זאָגן אַז זיי ווילן צונעמען זיין געלט, און ער טוט פאַרשידענע השתדלות'ן אַז דאָס זאָל נישט קענען פאַסירן... ער לויפט צום בית דין, און ענליכעס... אָבער דער אמת איז, אַז ס'איז מעגליך אַז אויב ער וועט דאָ "פאַרדינען", וועט ער ערגעץ אַנדערש פאַרלירן אַ סאַך מער ח"ו. נאָר וואָס דען, מ'דאַרף זיך אומגיין מיט תמימות, און אָננעמען אַלעס מיט ליבשאַפט, ווייל דער מענטש קען קיינמאָל נישט וויסן פון וואָס ער ווערט געראַטעוועט ווען ער האָט אַ "שאָדן"... (מיר זאָגן נישט וואָס מ'זאָל טוהן אויף למעשה. אַוודאי דאַרף יעדער איינער פרעגן זיין רבי'ן און מורה דרך וואָס צו טוהן, מיר ווילן דאָ נאָר דערלייכטן די אויגן פון מענטש, אַז מ'זאָל קוקן אויף די זאַך מיט אַ בליק פון אמונה, און דאַן, וועט אויך זיין גיין צו בית דין, וכדומה, זיין אויף אַן אַנדערן אופן).

**ב.** דער בריסקער רב הגרי"ז זצ"ל, פלעגט נאָכזאָגן אין נאָמען פון זיין טאַטן הגאון רבי חיים בריסקער זצ"ל, אַז די מצוה פון אמונה, הייבט זיך אָן דאָרט וואו עס "ענדיגט זיך" דער שכל פון מענטש... דאָס הייסט, אַ זאַך וואָס מ'קען פאַרשטיין מיט'ן מענטשליכן שכל, דאַרף מען דאָך נישט באַפעלן צו גלייבן דערין, ווייל דער מענטש פאַרשטייט

קומט אויס, אַז עס איז נישט אַ סתירה. אדרבה, איינס ווערט פאַרענטפערט מיט'ן צווייטן, דאָס גופא איז דער טעם, וויבאַלד די מצוה האָט נישט קיין טעם... איז מען מיט דעם מתקן דאָס וואָס מ'האָט דעמאָלס געוואָלט וויסן צופיל.

**דאָס** איז געזאָגט געוואָרן לגבי יעדע זאַך וואָס קומט אויפ'ן מענטש, אַז ער זאָל עס אָננעמען מיט תמימות, און אפילו אויב ער פאַרשטייט נישט, און עס איז ביי איהם ווי אַ "חק" אָן אַ טעם, פונדעסטוועגן זאָל ער גלייבן באמונה שלימה אַז כאָטש ער פאַרשטייט נישט, איז עס אָבער לטובה, און "כל מה דעביד רחמנא לטב עביד".

**דער** ווילנער גאון זי"ע זאָגט ("דברי אליהו", ברכות מח:) אויף די ווערטער פונעם תנא רבי מאיר, "מנין שכשם שמברך על הטובה, כך מברך על הרעה", פון וואו ווייסט מען אַז פונקט ווי מ'דאַרף דאַנקען און לויבן דעם אויבערשטען פאַר'ן גוטס וואָס ער טוט מיט אונז, אַזוי דאַרף מען איהם בענטשן אויך פאַר'ן שלעכטן ח"ו. זאָגט דער גאון, אַז די כוונה דערפון איז, אויב עס קומט אויפ'ן מענטש אַ רעה ח"ו, זאָל ער זיך פאָרשטעלן אַז דער זעלבער רעה איז באמת געשען אלס א טובה. למשל, אויב דער מענטש האָט פאַרלוירן א דאללער, זאָל ער זיך פאָרשטעלן גלייך ווי ער האָט געפונען 2 דאללער. אויב ער האָט פאַרלוירן צוויי דאללער, זאָל ער זיך פאָרשטעלן אַזוי ווי ער וואָלט געוואונען צוויי דאללער. און אַזוי ביי יעדע זאַך וואָס איז נישט גוט, זאָל ער זיך פאָרשטעלן אַז די רעה אַליין איז בעצם אַ טובה, עכ"ל.

**ווייל** דורך דעם וואָס דער מענטש שטאַרקט זיך מיט אמונה שלימה ווען ער האָט שוועריגקייטן און יסורים ל"ע[ג], ווערט דער גאַנצער צער און יסורי הגוף והנפש אָפּגעטוהן פון איהם[ד].

---

עס אַליין מיט זיין שכל, און ער "גלייבט" נישט אין דעם. די גאַנצע מצוה פון אמונה איז געזאָגט געוואָרן דווקא אויף אַן אופן וואו מ'קען נישט פאַרשטיין, און אויף דעם גופא, זענען מיר באַפוילן געוואָרן צו גלייבן...

**ג.** די וועלט פירט זיך, באַלד אינדערפרי, צו מאַכן אַ ברכה "שהכל נהיה בדברו" ביים טרינקען קאווע. קען מען זאָגן אַ רמז, קאַווע באַשטייט פון 'קאָכעדיגע' וואַסער און 'קאַלטע' מילך. מ'לייגט אַריין דערין 'ביטערע' קאַווע, און צוקער וואָס איז 'זיס'. פון דעם קען דער מענטש זיך לערנען, אַז וואָס עס פאַסירט נאָר מיט איהם, "וואַרימס", אָדער "קאַלטס", "זיס", אָדער "ביטער" ח"ו, זאָל ער געדענקען: "שהכל נהיה בדברו" - אַלעס קומט אויף דעם באַפעל פון דעם אויבערשטען.

מיר האָבן לעצטנס געהערט אַ וואונדערליכע מעשה. אַ טייערער איד פון אַמעריקע האָט געליטן פון שטיינער אין די נירן, וואָס האָט איהם פאַרשאַפט גרויסע יסורים ל"ע. נאָך זעקס וואָכן, האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, אַז אויב די שטיינער וועלן נישט פאַרשווינדן פון זיך אַליין ביז צוויי וואָכן, וועט מען מוזן דורכפירן אַן אָפּעראַציע דורך דער פלייצע, כדי אַרויסצונעמען די שטיינער.

מ'האָט באַשטימט דעם "אַפּאָינטמענט", אויף פרייטיג פרשת אחרי-קדושים תש"פ. די בשורה אַז מ'דאַרף איהם אָפּערירן, האָט שטאַרק דערדרוקט די משפחה. פון הימל האָט מען אָבער געהאָלפן, אַז פלוצלינג, פרייטאָג צו נאַכט, אינמיטן די שבת'דיגע סעודה, האָבן זיינע בני בית געזעהן ווי זיין פנים שיינט אויף מיט אַ שטראַל פון פרייד. ווען זיי האָבן אויסגעדרוקט זייער פאַרוואונדערונג, "לשמחה מה זו עושה?", האָט ער זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען צום ספרים-שאַנק, אַרויסגענומען פון דאָרט אַ גמרא, מסכת בבא מציעא, און אָנגעפאַנגען לערנען הויך אויפ'ן קול, עטליכע שורות גמרא פון פרק "אלו מציאות"... ווען די משפחה האָט זיך נאָך מער געוואונדערט וואָס ער טוט דאָ, האָט ער זיי ערקלערט, אַז יענעם טאָג, פרייטאָג, ווען ער איז געווען ביים דאָקטאָר און מ'האָט דאָרט געמאַכט אַ "סי טי" ("קעט סקען"), האָט דער דאָקטאָר איהם געזאָגט נאָך די אונטערזוכונג, אַז ער האָט נישט ווייניגער ווי דריי שטיינער אין זיינע נירן. די שטיינער האָבן נישט די זעלבע מאָס: איינער איז נומער 2, דער צווייטער שטיין - 4, און דער דריטער שטיין - נומער 6. דער דאָקטאָר האָט איהם אויך געזאָגט ווי אַזוי די שטיינער ליגן אין זיין ניר: דער גרעסערער שטיין ליגט אונטן, אינמיטן ליגט דער מיטלמעסיגער שטיין, און דער קלענסטער שטיין ליגט אויבן, העכער די אַנדערע צוויי שטיינער.

און דער איד האָט זאגט ווייטער פאַר זיינע בני בית און די קינדער: "איך האָב זיך צעשמייכלט דאָ ביי די סעודה, ווייל ווען איך האָב איבערגעטראַכט וואָס דער דאָקטאָר האָט מיר געזאָגט, האָב איך זיך דערמאַנט, אַז ענליכע

ווערטער שטייט אין דער גמרא, אין פרק "אלו מציאות" (ב"מ כה.), אַז אויב אַ מענטש טרעפט דריי מטבעות אויף דער גאַס, לויט דריי באַזונדערע מאָסן, און זיי ליגן ווי אַ "טורם", די גרעסערע מטבע ליגט אונטן, אויף דעם ליגט די מיטלסטע מטבע, און נאָך העכער - די קלענסטע מטבע, דאַרף מען עס אויסרופן אַלס אַן "אבידה", ווייל דאָס מיינט נישט אַז עס איז געפאַלן אויף אַ נאָרמאַלן וועג, נאָר "דרך הינוח". זאָגט רש"י, אַז ווען עס ליגט אויף אַזאַ אופן, איז עס נישט "דרך נפילה", נאָר "דרך הינוח", און דער מענטש וואָס האָט פאַרלוירן די מטבעות, זאָל געבן אַ סימן פאַר דעם וואָס האָט עס געפונען, טאַקע מיט דעם אַז עס ליגט ווי אַ "טורעם".

און דער איד האָט אויסגעפירט:

- דאָ האָב איך דערשפירט אַ שטראַל פון לעכטיגקייט פון הימל, ווייל פון דעם זעהען מיר דאָך, אַז אויך די שטיינער וואָס געפינען זיך אין מיינע נירן, זענען נישט אַ 'צופאַל' ('דרך נפילה'), נאָר די עצםווירקליכקייט פון די שטיינער איז ביי מיר ווי אַ סימן מובהק, אַז דער אויבערשטער האָט עס דאָרט געלייגט, און עס איז אינגאַנצן נישט אַ "צופאַל" ח"ו. און פון דעם שעפּ איך חיזוק, אַז דער אויבערשטער וועט מיר זיכער העלפן, און כ'וועל נישט דאַרפן אַדורכגיין די אָפּעראַציע.

(למעשה, אַ וואָך שפּעטער, שבת, נאָך צו חצות היום, זענען די שטיינער אַרויסגעגאַנגען. יענעם מוצאי שבת האָט ער געשריבן אַ בריוו פיל מיט אמונה. ער האָט געשריבן בזה הלשון: "אודך כי עניתני ותהי לי לישועה, 'אבן' מאסו הבונים... מאת ה' היתה זאת... זה היום עשה ה' נגילה ונשמחה בו. 'מגדיל' ישועות מלכו, ברוך ה' בבואם, וברוך ה' בצאתם, ה' נתן האבנים, וה' לקחם מאתי, בשעה טובה ומוצלחת... ברכי נפשי את ה', וכל קרבי את שם קדשו").

דער מענטש דאַרף וויסן, אַז אַלעס וואָס קומט פאַר מיט איהם, לטב או למוטב, איז מיט אַ השגחה פרטית פון הימל, פאַר זיין טובה.

עס ווערט געברענגט אַ מעשה (הגדה של פסח הרב דסלר, ע' שמט) אַ יונגערמאַן האָט געקויפט אַ הויז, און אַ טאָג שפּעטער האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז עס איז דאָ צו פאַרקויפן אַ הויז, ממש אין די זעלבע געגנט, פאַר אַ פיל ביליגערן פרייז ווי ער האָט באַצאָלט. האָט דער יונגערמאַן זיך "געגעסן דאָס האַרץ" דערפון, שפּירנדיג אַז ער האָט דאָ "פאַרפאַסט" אַ געלעגנהייט. איז זיינס אַ ידיד אַריבערגעגאַנגען מיט איהם צו הגאון רבי מרדכי שוואַב זצ"ל, וועלכער האָט איהם דאַן געשטאַרקט און דערמוטיגט מיט אמונה אין בוכ"ע.

צווישן אַנדערע, האָט רבי מרדכי שוואַב איהם דערציילט, אַז אַמאָל האָט הגה"צ רבי אליהו אליעזר דעסלער זצ"ל, משגיח פון דער פּאָניעוועזשער ישיבה אין בני ברק, איהם דערציילט (פאַר הרב שוואַב) וועגן אַ טעות וואָס ער האָט אַליין געמאַכט ביי אַ שידוך, און ער האָט איהם אויסגערעכנט די פרטים פון דעם טעות וואָס ער האָט געמאַכט. צום סוף, האָט הרב דעסלער איהם געזאָגט: "אָבער אויך דער טעות גופא, איז פון הימל...".

און רבי מרדכי שוואַב האָט צוגעגעבן:

- איך האָב אַ סימן אַז פון הימל האָט מען געוואָלט אַז דו זאָלסט מאַכן דעם טעות, און קויפן דעם מער-טייערן הויז, און נישט דאָס צווייטע הויז וואָס איז ביליגער, ווייל דו האָסט דאָך אויסגעפונען וועגן דיין טעות, נאָר צומאָרגנס נאָכ'ן קויפן דאָס הויז. פאַרוואָס האָסטו נישט געהערט וועגן דעם, אַ טאָג פריער? אלא מאי, מוז דאָך זיין אַז פון הימל האָט מען געוואָלט אַז דו זאָלסט אַזוי טוהן...

איינע פון די צדיקי הדור שליט"א האָט געזאָגט אַ וואונדערליך וואָרט בדרך רמז, אויף די ווערטער פון רש"י אָנהייב היינטיגע סדרה: "גזירה היא מלפני, ואין לך רשות להרהר אחריה". בפשטות, גייט עס אַרויף אויף די מצוה פון פרה אדומה. מ'קען אָבער זאָגן, דאָ רעדט מען דאָך פון אַ מענטש וואָס איז געשטאָרבן (די פרה אדומה, קומט מטהר זיין פון "טומאת מת"), און אויף דעם זאָגט מען פאַר'ן מענטש: "גזירה היא מלפני". דאָס וואָס דער מענטש איז געשטאָרבן איז געווען אַ גזירה פון דעם אויבערשטען. דו האָסט נישט וואָס נאָכצוטראַכטן, און זאָגן אַז עס האָט פּאַסירט ווייל מ'האָט נישט ריכטיג באַהאַנדלט דעם נפטר, אָדער אַ "מעדיצינישע נאַכלעסיגקייט", און ענליכע איינרעדענישן וואָס מענטשן האָבן, מיינענדיג אַז אויב מען וואָלט געטוהן אַנדערש, וואָלט יענער געבליבן לעבן. "גזירה היא מלפני" - אַלעס קומט פון די השגחה העליונה.

נאכמער, פון די ווערטער "ואין לך רשות להרהר אחריה", לערנען מיר, אַז מ'טאָר נישט צופיל טרויערן אויפ'ן פאַרלוסט און האָבן צער דערפון, ווי דער רמב"ן ז"ל זאָגט אויף דעם פסוק (דברים יד, א-ב) "בנים אתם לה' אלקיכם, לא תתגודדו ולא תשימו קרחה בין עיניכם למת, כי עם קדוש אתה לה' אלקיך". זאָגט דער רמב"ן, וויבאַלד איר

אַזוי זאָגט קלאָר דער "אור החיים" הקדוש אין דער קוה איז געווען "תמימה" אין רויטקייט ("אדומה"), ווייל היינטיגער פרשה, "פרה אדומה תמימה", וואָס די דער רויטער קאָליר איז מרמז אויף מדת הדין ח"ו (עשו

---

זענט אַ הייליג פאָלק, און דער אויבערשטער טראַכט שטענדיג "לבלתי ידח ממנו נידח", דעריבער איז נישט כדאי פאַר אייך צו רייסן די האָר אויף אַ מענטש וואָס שטאַרבט, אַפילו אויב ער גייט אַוועק יונגערהייט חלילה, וכו'. און פון דאָ איז אַ סמך צו די ווערטער פון די חז"ל (מו"ק כז:) אַז מ'טאָר נישט צופיל קלאָגן אויף אַ נפטר.

דער קלויזענבורגער רב, הרה"ק בעל "שפע חיים" זי"ע, האָט געזאָגט נאָך די ביטערע צווייטע וועלט מלחמה, וואו ער האָט פאַרלוירן זיין ערשטע רעביצין און 11 קינדער הי"ד: דער פסוק זאָגט (תהלים לג, ט) "כי הוא אמר ויהי הוא צוה ויעמוד". די גמרא זאָגט, אַז דאָס וואָרט "ויהי" איז אַ לשון פון צער (עי' מגילה י:). זאָגט דער פסוק: כי הוא אמר 'ויהי'. דער זעלבער באַשעפער וואָס האָט געזאָגט אַז עס זאָל קומען דער צער ח"ו ("ויהי"), "הוא צוה ויעמוד" - איז דער זעלבער באַשעפער ווי דער וואָס האָט געזאָגט אַז נאָכ'ן צער, זאָל דער מענטש זיך אויפשטעלן פון זיין אָרט, און נישט ליגן אין טרויער אויף דער ערד ח"ו.

מ'דערציילט אַז ווען הרה"ק רבי מאיר'ל אַמשינאָווער זי"ע איז אויפגעשטאַנען פון די "שבעה" נאָך די הסתלקות פון זיין טאַטן, הרה"ק רבי שמעון שלום זי"ע פון אַמשינאָוו, האָט רבי מאיר'ל געזאָגט צו זיין משמש (הרב ביגלאייזן) ווען זיי זענען געגאַנגען אויף דער גאַס, אַ טעם פאַרוואָס מ'פירט זיך נישט צו שטעלן משקה ("לחיים"), אין משך פון די "שבעה" טעג, נאָר שפּעטער, ווייל אין די טעג פון "שבעה", רעדט מען וועגן דעם נפטר, און וועגן דעם אופן ווי אַזוי ער איז אַוועק פון דער וועלט. איינער זאָגט, אַז ער איז נפטר געוואָרן ווייל ער האָט געליטן פון אַ געוויסע קראַנקהייט, אָדער עס האָט פּאַסירט ווייל דער דאָקטאָר האָט געטוהן אַזוי און אַזוי... א.ד.ג. קען מען דאָך אַמאָל טראַכטן, אַז אויב מ'וואָלט געטוהן אַ געוויסע פעולה אויף אַן אַנדערן אופן, וואָלט מען געקענט פאַרמיידן זיין טויט. דאָס איז אָבער אַלעס מחשבות פון כפירה רח"ל, ווייל אַלעס האָט פּאַסירט נאָר דערפאַר ווייל אַזוי האָט דער אויבערשטער באַפוילן. וועגן דעם טרינקט מען נאָך די "שבעה" בראָנפען, כדי "אויסצוואַשן" און "אויסרייניגן" דעם מח, און מ'זאָגט די ברכה "שהכל נהיה בדברו", כדי איינצוואָרצלען אין האַרץ, אַז דאָס וואָס דער מענטש איז געשטאָרבן איז נישט געווען צוליב אַ גשמיות'דיגע סיבה, נאָר אַלעס איז געווען פון דעם אויבערשטען, ווייל אַזוי האָט געוואָלט די השגחה העליונה.

ווען דער גאון רבי אלעזר מנחם מן שך זצ"ל איז געזעסן "שבעה" נאָך זיין רעביצין ע"ה, האָט ער געזאָגט, אַז ווען ער איז זיך מתבונן אין אַלעם וואָס האָט פּאַסירט מיט איהם אין משך פון זיין לעבן, און ער זעהט ווי פון יעדע שוועריגקייט וואָס ער האָט געהאַט, און אַלע יסורים וואָס ער האָט געליטן, האָט זיך צום סוף אַרויסגעשטעלט אַז עס איז געווען פאַר זיין טובה וועגן, ממילא, איז אויך אין דעם מצב ווען ער איז אין טרויער אויף די רעביצין'ס פאַרלוסט, קען ער זיך לייכט שטאַרקן, וויסנדיג אַז דער אויבערשטער וויל טוהן מיט איהם נאָר גוטס.

**ד.** עס שטייט אין ספה"ק "בני יששכר" (ראש חודש, א, יא) אַז ראש חודש ביי מוסף, ווען מ'זאָגט די ברכה "מקדש ישראל וראשי חדשים", דאַרף מען אין זינען האָבן דעם "צירוף" פון שם הוי' ב"ה וואָס איז שייך צו יענעם חודש. דער "צירוף" גייט געווענליך אַרויס פון אַ פסוק אין תנ"ך (דער מקור דערפון איז אין ספה"ק "פרי עץ חיים", שער י"ט, פ"ג).

דער "צירוף" פון חודש תמוז אי זהוה"י, וואָס גייט אַרויס פון די סופי תיבות פונעם פסוק אין מגילת אסתר (ה, יג) "וכל זה איננו שוה לי". אין דעם צירוף, איז דער שם הוי' איבערגעדרייט, דאָס הייסט, הוה"י, וואָס איז מרמז אויף מדת הדין ח"ו.

זאָגן אָבער די בעלי הרמז, אַז כדי אויסצוגראָדן און אויסשטעלן דעם צירוף אַז עס זאָל ווערן דער שם הוי' "כסדרו" - לויט זיין געהעריגן סדר - וואָס ווייזט אויף אַ הנהגה פון מדת הרחמים, דאַרפן מיר נישט מער ווי נעמען דעם אות יו"ד פון לעצטן וואָרט ("לי") און עס שטעלן פאָרנט, פאַר די אַנדערע דריי אותיות, דאַן וועט עס ווערן שם הוי' כסדרו, וואָס איז מרמז אויף רחמים פשוטים.

דער אות יו"ד איז מרמז אויף אַ איד (יו"ד). ממילא, אויב דער איד שטעלט זיך און זיין "אידישקייט" - דאָס הייסט, זיין אמונה אין באַשעפער ב"ה - "פאָרנט", אויפ'ן ערשטן אָרט, און ממילא, אַלעס וואָס פּאַסירט מיט איהם אויף דער וועלט, ווייסט ער שוין פון "פריער" אַז דער אויבערשטער האָט אַזוי געמאַכט, ווערט ממילא "שם הוי' כסדרו", רחמים גמורים, אויף אַן אָפענעם אופן, אָן הסתרות.

הרשע איז געווען רויט, "ויצא הראשון אדמוני"...). "אשר לא עלה עליה עול", אַן עול וואָס דער מענטש טראָגט אויף זיך, איז גורם המתקת הדינים, ווי חז"ל זאָגן (ברכות ה.) "יסורין ממרקין עוונותיו של אדם", די יסורים וואָס דער מענטש ליידט, וואַשן אָפּ דעם פּגם פון זיינע עבירות, וואָס זענען אין דער בחינה פון דינים ח"ו. קומט אויס, אַז דייקא דורך די יסורים און שוועריגקייטן, ווערן נמתק אַלע דינים, און דאָס שלעכטע ווערט בטל ומבוטל[ה].

**עס** שטייט אין ספה"ק "עבודת יששכר" (פרשתינו) אויף די מעשה וואָס ווערט דערמאַנט אין דער היינטיגער הפטורה (שופטים יא, א-ג) "ויפתח הגלעדי היה גיבור חיל" וגו'. יפתח הגלעדי איז געווען אַ שטאַרקער מאַן, און דער פסוק דערציילט, אַז זיינע ברידער האָבן איהם פאַרטריבן און איהם געזאָגט, "דו וועסט נישט באַקומען אַ חלק אין הויז פון אונזער פאָטער, ווייל דו ביזט דער זון פון אַן אַנדערע פרוי". איז יפתח אַנטלויפן פון זיינע ברידער, און ער האָט זיך באַזעצט אין אַ גוט לאַנד, און עס האָבן זיך פאַרזאַמלט אַרום איהם 'ליידיגע' מענטשן.

**דאַרף** מען פאַרשטיין, פאַרוואָס איז יפתח אַנטלאָפן? זיינע ברידער האָבן דאָך איהם נישט געוואָלט הרג'ענען. זיי האָבן געקענט באַשטיין ער זאָל וואוינען נעבן זיי, זיי האָבן איהם נאָר נישט געוואָלט געבן אַ חלק פון די ירושה פון זייער פאָטער? און אויב יפתח איז אַנטלאָפן ווייל ער איז געווען אויפגערעגט אויף זיינע ברידער, האָט ער געקענט גיין רואיג און געלאַסן. פאַרוואָס האָט ער געדאַרפט לויפן? אויך איז שווער, דער פסוק זאָגט דאָך אַז יפתח איז געווען אַ "גיבור חיל", אויב אַזוי, פאַרוואָס האָט ער נישט גענומען זיין חלק אין זיין פאָטער'ס ירושה מיט זיין שטאַרקן כח?

**ענטפערט** דער "עבודת יששכר", אַז אמת טאַקע, מיט'ן כח פון זיין שטאַרקייט, האָט יפתח געקענט אַרויסבאַקומען פון זיינע ברידער זיין חלק אין די נחלה, נאָר ער האָט איינגעהאַלטן זיין יצר הרע, און ער האָט גענומען אויף זיך די מדה פון סבלנות, זיך צו מאַכן ווי אַ "נרדף" אונטער זיי, און ער האָט געליטן זיין חרפה. וויבאַלד ער האָט אָבער נישט געגלייבט אין זיך אַליין, ווייסנדיג אַז דער יצר הרע לאָקערט אויפ'ן מענטש אין יעדן זמן, האָט יפתח מורא געהאַט, אַז אויב ער וועט בלייבן וואוינען נעבן זיינע ברידער, וועט דער יצר הרע קומען אַ געוויסן טאָג און ער וועט איהם פּרובירן איבעררעדן אַרויסצוכאַפּן פון זיי די נחלה.

---

**ה.** דער גאון רבי אלעזר מנחם שך זצ"ל, ראש ישיבה פון דער פּאָניעוועזשער ישיבה אין בני ברק, האָט אַמאָל געזאָגט צו אַ איד וועלכער האָט זיך אויסגעוויינט פאַר איהם דאָס האַרץ איבער זיין ביטערן גורל, אַז ער איז נעבעך אַ "נרדף", "רבי, די 'רודפים' דערגייען מיר די יאָרן... איך האָב ממש נישט קיין טאָג, און נישט קיין נאַכט. זיי לאָזן מיך נישט צורוה אַפילו איין מינוט אין טאָג"... האָט הרב שך איהם געזאָגט:

- וויסן זאָלסטו, ישועות ה' כהרף עין. אין איין רגע קען מען געהאָלפן ווערן מיט אַ ישועה. דער אויבערשטער וועט דיר נאָך באַלייכטן די אויגן און דו וועסט פאַרגעסן פון אַלע רדיפות און שוועריגקייטן, און ביז דאַן, זאָלסטו זיך שטאַרקן מיט די ווערטער פון די חז"ל (גיטין לו:) "הנעלבין ואינן עולבין, שומעין חרפתן ואינן משיבין, עליהם הכתוב אומר (שופטים ה, לא) ואוהביו הצרת השמש בגבורתו".

אַזוי שמועסנדיג מיט דעם איד, האָט מען דערווייל אַריינגעברענגט פאַר'ן ראש ישיבה אַ גלאָז טיי, מיט אַ לעפל האָניג. האָט הרב שך עס באַטראַכט, און דאַן האָט ער געזאָגט:

- זעה נאָר, דאָס דאָזיגע מאכל רופט זיך האָניג, און מ'קען זעהן דערביי וואונדער: דער האָניג ווערט געמאַכט פון בינען, וואָס בטבע רודפ'ן זיי דעם מענטש. זיי גיבן איהם נישט קיין מנוחה אַפילו אַ רגע. זיי קומען פון אַלע זייטן, פון רעכטס און פון לינקס. אויב אַ מענטש וועט שטיין אין זייער וועג, וועלן זיי איהם צעבייסן און אויסצאַפּן זיין בלוט ביז ער וועט אָנקומען צו אַ מצב אַז מ'וועט איהם דאַרפן אַריינפירן אין שפיטאָל. אָבער דווקא פון די דאָזיגע בינען, קומט אַרויס דאָס זיסטע מאכל אויף דער וועלט - האָניג... ווייל דייקא פון די יעניגע וואָס רודפ'ן און דערביטערן אונזער לעבן, פון זיי קומט צום סוף אַרויס זיסער האָניג...

און דאָס איז נישט געזאָגט געוואָרן דווקא וועגן "רודפים" כפשוטם, נאָר עס קומט מרמז צו זיין פאַר'ן מענטש ביי אַלע זיינע "רדיפות" און "שטעכערייען", אַז דייקא פון דאָרט קומט אַרויס האָניג זיס צו מאַכן זיין לעבן און דערלייכטן זיינע יאָרן אויף דער וועלט.

דעריבער איז יפתח אַנטלאָפן פון זיינע ברידער, אַזוי ווי אַ מענטש וואָס אַנטלויפט פון זיין שונא.

**אויף** דעם זאָגט דער פסוק, "וישב בארץ טוב". "וישב" איז פון לשון זיך איינהאַלטן (מגילה כא.). יפתח האָט זיך צוריקגעהאַלטן מיט אַ קלאָרע ידיעה אַז אַלעס וואָס דער אויבערשטער טוט איז צום גוטן פאַר'ן מענטש. און ער האָט זיך אַזוי שטאַרק צוגעוואוינט דערצו, אַז עס האָבן זיך פאַרזאַמלט ביי איהם "אנשים ריקים", דאָס הייסט, אַ סאַך מענטשן האָבן אויסגעגאָסן זייערע הערצער פאַר איהם (און דורך דעם זענען זייערע הערצער געבליבן "ליידיג" פון דאגות איבער זייערע צרות), און יפתח האָט אַריינגעגעבן אין זייער האַרץ און מח דעם פאַרשטאַנד און געפיל אַז אַלע צרות זענען לטובה פאַר'ן מענטש. דורך דעם האָט ער זיי אַרויסגענומען פון אַלע זייערע צרות ביז זיי זענען טאַקע באמת געוואָרן ליידיג פון זייערע צרות, און זיי האָבן געעפענט די אויגן צו זעהן אַז אַלעס איז "ארץ טוב" - אַ גוט לאַנד. אַלס שכר דערפאַר, איז יפתח צום סוף געוואָרן אַ פירער פון גאַנצן אידישן פאָלק, אין זכות פון די מדה פון סבלנות וואָס ער האָט געהאַט, און האָט אַלעס אָנגענומען מיט ליבשאַפט און מיט אַ גאַנצע אמונה אינעם באַשעפער.

**דאָס** איז דער תכלית און יסוד אין לעבן פון אַ מענטש, אָנצונעמען די פירונג פונעם אויבערשטען מיט איהם - סיי פון דעם אויבערשטען אַליין, סיי פון זיינע שלוחים - אַז אַלעס איז מיט אַ חשבון פון הימל, און ממילא וועט ער קיינמאָל נישט ענטפערן איינעם וואָס טשעפּעט איהם.

די ספרים פרעגן, פאַרוואָס ווערט דער היינטיגער שבת נישט אָנגערופן "שבת שירה", אַזוי ווי פּרשת בשלח? מ'לייענט דאָך אין דער היינטיגער סדרה, חוקת, וועגן די שירה וואָס די אידן האָבן געזינגען ביי דעם "באר", "אז ישיר ישראל את השירה הזאת, עלי באר ענו לה" (כא, יז).

**ענטפערט** דער "שפת אמת" זי"ע, אַז די יעצטיגע שירה האָבן די אידן געזאָגט ווען זיי זענען שוין געשטאַנען ביי די טירן פון ארץ ישראל, נאָך דעם ווי עס האָבן מיט זיי פּאַסירט אַזוי פיל ניסים אין מדבר, ווי דער מן, בארה של מרים און דער אויבערשטער האָט זיי געראַטעוועט פון די מלחמות. ווען דער מענטש זאָגט שירה פאַר'ן אויבערשטען אין אַזאַ צייט, איז עס נישט אַזאַ גרויסע רבותא. אָבער די שירה וואָס די אידן האָבן געזינגען ווען זיי זענען געראַטעוועט געוואָרן ביים ים, איז געזאָגט געוואָרן אין אַ צייט ווען די אידן האָבן ערשט אָנגעהויבן זייער וועג אין מדבר, "לכתך אחרי במדבר בארץ לא זרועה", זיי זענען געגאַנגען נאָך דעם אויבערשטען אין מדבר, אין אַן אומפאַרזייט לאַנד, און זיי האָבן נאָך דעמאָלס נישט געהאַט קיין עסן, און פונדעסטוועגן האָבן זיי געזינגען שירה, ווייל זיי האָבן געגלייבט אין דעם אויבערשטען און האָבן זיך געשטאַרקט מיט בטחון אַז דער אויבערשטער וועט זיי פירן אויך ווייטער. אַזאַ שירה איז זייער חשוב, און דעריבער פאַרדינט די שירה פון פרשת בשלח, אַז מ'זאָל אָנרופן יענעם שבת "שבת שירה".

### חשבונו של עולם - דער אויבערשטער פירט די וועלט פאַר אונזער טובה

**אין** דער היינטיגער סדרה (כא, כז) לייענען מיר, "על כן יאמרו המושלים בואו חשבון, תבנה ותכונן עיר סיחון". זאָגט די גמרא (ב"ב עח:) אַז די ווערטער "בואו חשבון" לערנען אונז, "בואו ונחשוב חשבונו של עולם", קומט, און מיר וועלן רעכענען דעם חשבון פון דער וועלט.

**פריער** אין די פסוקים שטייט, "ויקח ישראל את כל הערים האלה, וישב ישראל בכל ערי האמורי, בחשבון ובכל בנותיה". און די אידן האָבן איינגענומען די אַלע שטעט (פון סיחון) און די אידן האָבן זיך באַזעצט אין אַלע שטעט פון אמורי, אין חשבון, און אין אַלע אירע 'טעכטער' (פאָרשטעט). ווייל חשבון איז די שטאָט פון סיחון דער קעניג פון אמורי, און ער (סיחון) האָט מלחמה געהאַלטן מיט'ן ערשטן קעניג פון מואב, און ער האָט צוגענומען זיין גאַנצן לאַנד פון זיין רשות, ביז ארנון.

די כוונה פון די פסוקים איז, לויט ווי רש"י זאָגט (און דער מקור דערפון איז אין מסכת חולין דף ס:), אַז באמת האָבן דאָך די אידן נישט געטאָרט מלחמה האַלטן מיט מואב און איינעמען זייער לאַנד. וואָס האָט דער אויבערשטער געטוהן? ער האָט אַריינגעגעבן אַ געדאַנק אין קאָפּ פון סיחון דער קעניג פון די אמוריים, אַז ער זאָל וועלן איינעמען מואב, איז ער אַרויס אין אַ מלחמה קעגן זיי און ער האָט זיי באַזיגט. ממילא איז דאָס לאַנד פון מואב, יעצט שוין מער נישט געווען דאָס

לאַנד פון "מואב", נאָר פון "אמורי", און אַזוי האָבן די אידן געקענט איינעמען די דאָזיגע שטעט פון סיחון. אויף דעם זאָגן חז"ל "עמון ומואב טהרו בסיחון". עמון און מואב, זענען געווען "כשר" פאַר די אידן זיי איינצונעמען, דורך סיחון, דער קעניג פון אמורי, וואָס קעגן איהם, האָבן די אידן יאָ געמעגט מלחמה האַלטן.

**אויף** דעם זאָגט דער פסוק: "ויקח ישראל את כל הערים האלה", די אידן האָבן איינגענומען די אַלע שטעט. "כי חשבון עיר סיחון, והוא נלחם במואב", ווייל חשבון איז געווען די שטאָט פון סיחון, און ער האָט מלחמה געהאַלטן מיט מואב און עס צוגענומען ביי מואב, און אַזוי האָבן די אידן עס געקענט צוריק איינעמען פון איהם.

**א** גאר שטארקן יסוד אין אמונה לערנען מיר פון די מעשה, ווייל מ'זעהט דאָך ווי דער באַשעפער, "הא-ל נורא עלילה", פירט די וועלט אויף אַן אופן אַז עס זאָל אַרויסקומען אַ גוטער תכלית. בשעת מעשה ווען סיחון האָט מלחמה געהאַלטן מיט מואב, האָט עס אויסגעזעהן ווי סיחון איז דער "גיבור חיל", און אַן "איש מלחמה", וועלכער איז אימשטאַנד איינצונעמען מואב כדי צו פאַרגרעסערן זיין אייגענע מלוכה, אָבער באמת, "יושב בשמים ישחק", דער באַשעפער אין הימל כביכול לאַכט, ווייל דאָ איז נישט געווען קיין "שטאַרקייט", און נישט קיין "סיחון"... אַלעס איז נישט מער ווי אַ "שפיל" אין די הענט פון דעם אויבערשטען, כדי שפעטער איבערצוגעבן די אַלע ערטער, די שטעט פון מואב, אין די הענט פון די אידן, "רבות מחשבות בלב איש, ועצת ה' היא תקום"[ו].

**אויף** דעם זאָגט די גמרא: "על כן יאמרו המושלים בואו חשבון - בואו ונחשוב חשבונו של עולם". קומט וועלן מיר באַטראַכטן דעם חשבון פון דער וועלט, ווייל פון דאָ לערנען מיר א לימוד אויף'ן גאַנצן לעבן פון יעדן מענטש, אַז ער אַליין קען גאָרנישט[ז], און עס וועלן איהם נישט העלפן אַלע תחבולות וואָס ער וועט

---

**ו.** איך האָב געהערט פון אַ חשוב'ן ראש הכולל זאָל זיין געזונט, אַז אין אַ געוויסן פרימאָרגן, איז אַריינגעקומען צו איהם אַ יונגערמאַן וואָס לערנט ביי איהם אין כולל, און איהם דערלאַנגט 400 שקלים וואָס זיין שווער האָט בייגעשטייערט פאַר'ן כולל. דער דערמאָנטער ראש הכולל איז זייער מקפיד, נישט איבערצולאָזן ביי זיך מזומן געלט, נאָר ער לייגט אַלעס אַריין אין באַנק. צוליב אַ סיבה, אָבער דאָס מאָל איז געבליבן דאָס געלט אין זיין טאַש, און ביים סוף פונעם סדר הלימוד, האָט ער באַשלאָסן "אָן אַ סיבה" צו געבן דאָס געלט פאַר אַ יונגערמאַן אַ נצרך. האָט ער דורכגעבליקט אַלע פיר הונדערט יונגעלייט פון כולל, און ער האָט באַשלאָסן צו געבן פאַר אַ יונגערמאַן דאָס געלט, אָן דעם וואָס ער זאָל אַליין וויסן פאַרוואָס ער געבט עס פונקט פאַר יענעם יונגערמאַן, און נישט פאַר אַ צווייטן פון די לומדי הכולל, אָבער "מעשה שהיה כך היה" - אַזוי האָט ער געטוהן...

צומאָרגנס איז צוגעקומען צום ראש הכולל אַ יונגערמאַן וועלכער לערנט בחברותא מיט יענעם יונגערמאַן (וואָס האָט אַ טאָג פריער באַקומען פונעם ראש הכולל די פיר הונדערט שקלים), און דערציילט, אַז נעכטן, אָנהייב סדר, האָט יענער יונגערמאַן, זיין חברותא, איהם דערציילט, אַז ער נויטיגט זיך דרינגענד אין 400 שקלים, צו באַצאָלן פאַר אַ 'גמ"ח' ("גמילות חסדים קאַסע"), אַ חוב וואָס ער איז שולדיג, און ער האָט שוין אַרויסגענומען פון באַנק די דאָזיגע סומע, נאָר איידער ער האָט אינדערפרי פאַרלאָזט זיין הויז צו גיין אין כולל, האָט זיין בני בית איהם געזאָגט אַז זי נויטיגט זיך אין פיר הונדערט שקלים צו באַצאָלן אַ געוויסן חוב, און ער האָט עס איר געגעבן, און ממילא, האָט ער שוין מער נישט קיין געלט אַרויסצונעמען פון באַנק און באַצאָלן פאַר'ן גמ"ח, ווייל ס'איז נישט דאָ גענוג געלט אין זיין באַנק-קאָנטע. יעצט ווייסט ער נישט וואָס צו טוהן, ער איז פשוט נישט אימשטאַנד גייסטיש און פיזיש צו לויפן זוכן אַ הלוואה, דעריבער בעט ער פון דעם אויבערשטען אַז ער זאָל איהם העלפן אָן אַ הלוואה, און דער ראש הכולל, איז טאַקע געווען אַ שליח פון הימל צו ברענגען פאַר איהם דאָס געלט, צו קענען באַצאָלן דעם גמ"ח...

זעהען מיר דאָ די וואונדערליכע השגחה פרטית מיט'ן מענטש, וויפיל זאַכן האָבן "פלוצלינג" פאַסירט, אַלעס כדי צו דערפילן פאַר יענעם יונגערמאַן זיין פאַרלאַנג... ווייל אַלע ברואי מעלה ומטה זענען נישט מער ווי "שלוחים" פון הימל, אויסצופירן דעם באַשעפער'ס רצון.

**ז.** אַ טויב האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין הויז פון אַ רב. ווען זי האָט געזעהן אין וואָס פאַראַ צרה זי איז דאָ אַריינגעפאַלן, האָט זי געוואָלט אַרויספליען דורכ'ן פענצטער, וואָס האָט אויסגעזעהן אין אירע אויגן ווי ס'איז

אויסטראַכטן און אַלע השתדלות'ן וואָס ער וועט מאַכן צו פאַרגרעסערן זיין פאַרמעגן. ער וועט אַפילו נישט קענען דערגרייכן אַ האָרל מער ווי ס'איז באַשטימט געוואָרן פאַר איהם אין הימל.

**אַזוי** זאָגט דער גערער רבי, הרה"ק בעל "אמרי אמת" זי"ע (״אמרי אמת״, שנת תר״צ), אויף דעם פסוק אין דער היינטיגער פרשה (כא, ח) "עשה לך שרף ושים אותו על נס, והיה כל הנשוך וראה אותו וחי". דו זאָלסט מאַכן אַ פייערדיגן שלאַנג און עס אויפהענגען, און יעדער איינער וואָס ווערט געביסן ווערן, אויב ער וועט קוקן אויף דעם פייערדיגן שלאַנג, וועט ער בלייבן לעבן.

**פרעגט** די גמרא (ר״ה כט.) "וכי נחש ממית או נחש מחיה?" טוט דען דער שלאַנג מאַכן טויט אָדער לעבעדיג? נאָר וואָס דען, "בזמן שישראל מסתכלין כלפי מעלה ומשעבדין את לבם לאביהם שבשמים, היו מתרפאין, ואם לאו, היו נימוקים". אַזוי לאַנג ווי די אידן האָבן אויפגעהויבן זייערע אויגן צום הימל און זייער האַרץ איז געוואָרן אונטערטעניג צו זייער גרויסן טאַטן אין הימל, זענען זיי געוואָרן אויסגעהיילט, און אויב נישט, זענען זיי צעגאַנגען געוואָרן.

**פרעגן** די מפרשים, אויב דער שלאַנג מאַכט נישט לעבעדיג, נאָר אַלעס ווענדט זיך אין דעם צו מ'קוקט אַרויף צום הימל אָדער נישט, אויב אַזוי, פאַרוואָס האָבן די אידן געדאַרפט קוקן אויפ'ן פייערדיגן שלאַנג, און נאָר דער וואָס האָט געזעהן דעם שלאַנג איז געבליבן לעבן? דער אויבערשטער האָט דאָך געקענט באַפעלן מ'זאָל אַרויפקוקן צום הימל, און אַזוי וועלן די הערצער פון די אידן ווערן משועבד צום אויבערשטען, און זיי וועלן לעבן?

**ענטפערט** דער "אמרי אמת", אַז דאָס האָט טאַקע דער אויבערשטער געוואָלט אויסלערנען די אידן, אַז אויך דאָס וואָס זיי זענען פריער געשעדיגט געוואָרן, איז נישט געווען פון דעם ביס פונעם שלאַנג,

אָפּען. דער גלאָזערנער פענצטער איז אָבער געווען פאַרמאַכט, אַזוי אַז ווען זי איז אָנגעקומען צום פענצטער, איז זי צעקלאַפּט געוואָרן און איז אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד. זי האָט אָבער נישט אויפגעגעבן האָפענונג, נאָר זי האָט זיך ווידער אויפגעהויבן פון דער ערד, און איז געפלויגן צום פענצטער אַ צווייטן מאָל, אָבער זי האָט זיך ווידער צעקלאַפּט און איז נאָך אַמאָל געפאַלן אויף דער ערד. זי האָט אָבער נאָך אַלץ נישט אויפגעגעבן, נאָר זי האָט נאָך אַמאָל פּרובירט אַרויסצופליען פון פענצטער. אינצווישן, האָט דער בעל הבית געהערט ווי זי פּאַלט אויף דער ערד, און געזעהן וואָס דאָ קומט פאָר. האָט ער רחמנות געהאַט אויף די טויב, און האָט ברייט געעפנט דעם פענצטער, און די טויב איז אַרויסגעפלויגן, "לחירות עולם"...

יענע טויב, איז זיכער ביי זיך, אַז זי האָט "מצליח געווען" מיט אירע פעולות, ווייל זי האָט זיך צעקלאַפּט אינעם פענצטער איין מאָל און אַ צווייטן מאָל, אָבער ביים דריטן קלאַפּ, איז איר געלונגען אַרויסצופליען... זי כאַפּט זיך נישט, אַז אירע אייגענע אַקטיוויטעטן האָבן דאָ גאָרנישט געהאָלפן, זי וואָלט זיך געקענט צעקלאַפּן דעם קאָפּ טאָג און נאַכט, און עס וואָלט זיך גאָרנישט "געריררט", נאָר דאָ איז געווען אַ מענטש וואָס האָט געעפנט דעם פענצטער, און נאָר צוליב איהם איז זי באַפרייט געוואָרן פון איר "תפיסה"...

די געשיכטע איז אַ משל אויפ'ן גאַנצן לעבן. דער מענטש גייט אַרויס אַרבעטן, און עס דאַכט זיך איהם, "כוחי ועוצם ידי עשה לי את החיל הזה". אָט האָב איך געטוהן אַ פעולה און עס איז מיר געלונגען... און צומאָל, ווען עס געלינגט איהם נישט ביים ערשטן מאָל, טוט ער נאָך פעולות, ביז ער איז מצליח... ער ווייסט נישט אַז די אַלע מעשים קענען איהם גאָרנישט ברענגען, און ער איז ווי איינער וואָס קלאַפּט זיך דעם קאָפּ אין וואַנט, וואָס העלפט נישט נאָר עס פאַרוואונדעט זיין קאָפּ און זיין קערפּער, און ער ווערט פאַרמאַטערט אומזיסט. די סיבה פון זיין הצלחה איז נאָר ווייל פון הימל האָט מען איהם "געעפנט אַ פענצטער", און די טויערן פון פרנסה...

זיכער דאַרף דער מענטש מאַכן "השתדלות", ווייל דאָס איז אַ גזירה וואָס דער אויבערשטער האָט אַרויסגעגעבן אויף אַלע באַשעפענישן אינעם עולם המעשה, און אויך יענע טויב, אויב זי וואָלט זיך נישט צעקלאַפּט אינעם פענצטער, וואָלט דער בעל הבית קיינמאָל נישט אין אַכט גענומען אַז זי וויל אַרויספליען פון דאָרט, און ממילא וואָלט ער איר קיינמאָל נישט געקומען צו הילף, אָבער מ'דאַרף געדענקען, אַז דאָס איז נישט מער ווי אַ "השתדלות", אָבער די פרנסה אַליין, קומט אָן שום שייכות צו זיינע מעשים, אויב ער האָט יאָ געטוהן עפּעס, אָדער נישט.

נאָר ווייל אַזוי האָט דער אויבערשטער באַפוילן (דער חטא האָט עס גורם געווען), און אַ ראיה האָסטו, ווייל אויך די רפואה איז געקומען דורך דעם זעלבן שלאַנג, ווען מ'האָט נאָר געקוקט אויף איהם, און עס איז דאָך נישט מעגליך אַז דער שלאַנג הרג'עט און אין דער זעלבער צייט, מאַכט ער לעבעדיג דעם מענטש. ממילא, וועסטו מוזן פאַרשטיין אַז דאָ איז בכלל נישט דאָ אַזאַ זאַך ווי "טבע"[ח], נאָר ווען די אידן האָבן געזינדיגט זענען זיי געשטראָפט געוואָרן, און ווען זיי האָבן תשובה געטוהן זענען זיי אויסגעהיילט געוואָרן. אַלעס איז לויט דעם באַפעל פון דעם אויבערשטען, און נישט צוליב דעם שלאַנג. אויף דעם זאָגן חז"ל, אַז אין דער צייט ווען די אידן האָבן אַרויפגעקוקט צום הימל - דאָס הייסט, זיי האָבן געקוקט אויפ'ן שורש פון יעדע פּאַסירונג, און אויף דעם וואָס איז העכער פון די פעולה פונעם שלאַנג, זענען זיי אויסגעהיילט געוואָרן.

**ענליכע** ווערטער, זאָגט שוין דער רמב"ן ז"ל (פסוק ט') אַז ווען דער מענטש וועט קוקן מיט אַ כוונה צום "נחש הנחשת", וואָס דאָס איז אַזוי ווי דער מזיק, וועט ער לעבן, דאָס קומט דיך צו לאָזן וויסן, אַז דער אויבערשטער איז דער "ממית ומחיה" - ער געבט טויט און לעבן.

**און** נישט נאָר דאָס, נאָר דער אויבערשטער וויל אַז דער מענטש זאָל מאַכן אַ "השתדלות", און בשעת מעשה זאָל ער וויסן און גלייבן אַז אַלע זיינע פעולות

---

**ח.** אַ איד וואָס האָט זיך גאָר שטאַרק געפּלאָגט אויף פרנסה, האָט באַשלאָסן צו פאָרן קיין אַמעריקע, ווייל ער האָט געהערט אַז דאָרט האָט יעדער פרנסה בכבוד, און מ'קען דאָרט אַפילו רייך ווערן... פאַר'ן אַרויספאָרן, איז ער אַריינגעגאַנגען צו דעם גאון רבי חיים בריסקער זצ"ל. האָט רבי חיים איהם געזאָגט:

- אויב דו וואָלסט געווען אָרים אויף אַ נאַטירלעכן וועג, וואָלט עס מעגליך געהאַט אַ זינען אַז דו זאָלסט פאָרן קיין אַמעריקע צו געפינען רייכטום. אָבער וויבאַלד דיין אָרימקייט איז נישט לויט'ן דרך הטבע, נאָר ווייל אַזוי האָט דער אויבערשטער געוואָלט, אויב אַזוי, וואָס האָסטו זיך צו באַמיען און אָפּצופּלאָגן זיך און פאָרן אין אַ ווייטן לאַנד, דאָס רייכטום קען אָנקומען צו דיר אויך ווען דו ביזט דאָ...

רבי חיים האָט געמיינט צו זאָגן, "ממה נפשך", אויב די גזירה אויף דיר איז פאַרענדערט געוואָרן צום גוטן, דאַרפסטו דאָך נישט פאָרן ביז צו דער ווייטער אַמעריקע פאַר דעם צוועק, און אויב די גזירה פון אָרימקייט איז נאָך אַלץ אַקטועל ח"ו, איז וואָס פאַראַ זינען האָט עס צו פאָרן ביז אַמעריקע, דאָס אָרימקייט וועט דאָך דיך נאָכיאָגן אויך קיין אַמעריקע. איז דען בעסער פאַר דיר צו זיין אַן אָרימאַן אין אַ ווייטן לאַנד, ווי איידער אין דיין הויז דאָ, אין בריסק?...

אַן ענליכע געשיכטע, האָט דערציילט הגה"צ רבי יעקב גאַלינסקי זצ"ל. אַ "פרעמידער" איד (נישט אַ טשאָרטקוב'ער חסיד) איז אַריינגעגאַנגען צום טשאָרטקוב'ער רבי'ן זי"ע, זיך צו געזעגענען איידער ער פאָרט קיין אַמעריקע, ווייל דאָ, אין אייראָפּע, האָט ער נישט קיין פרנסה, און ער וויל זיך דריבער אַריבערציען קיין אַמעריקע, וואו ער וועט האָבן מער פרנסה. האָט דער טשאָרטקובער רבי איהם געזעגנט, און וואַרים אנגעווינטשן, אָבער ער האָט צוגעלייגט אַ בקשה מיט אַ "שליחות", ער זאָל איבערגעבן אַ "גרוס" פאַר'ן "אַמעריקאַנער גאָט"... האָט דער איד זיך דערשראָקן, און געפרעגט דעם טשאָרטקוב'ער רבי'ן:

- רבי, צו דען זענען דאָ, חלילה, 'צוויי רשויות'?... דער אויבערשטער איז דאָך אַ "יחיד בעולמו" - איין-אייציגער באַשעפער, און דער זעלבער גאָט ב"ה וואָס האָט באַשאַפן די גאַנצע וועלט, געפינט זיך אויך אין אַמעריקע, און גלייכצייטיג געפינט ער זיך אויך אין טשאָרטקוב... און אויף דער גאַנצער וועלט...

האָט דער טשאָרטקוב'ער רבי איהם געענטפערט:

- יאָ, דאָס האָב איך טאַקע געמיינט. פאַרוואָס טראַכסטו אַז אין אַמעריקע וועסטו מצליח זיין אין פרנסה מער ווי דאָ? דער זעלבער באַשעפער וואָס וועט דיך שפייזן אין אַמעריקע, קען דיר געבן פרנסה אויך דאָ, אין אייראָפּע...

צום סוף, איז יענער איד טאַקע נישט געפאָרן קיין אַמעריקע, און אַזוי איז זיין לעבן אָפּגעראַטעוועט געוואָרן אין זכות פון די עצה פון טשאָרטקוב'ער רבי'ן, ווייל ער האָט געהאַט אַ בילעט ("טיקעט") אויף דער באַרימטער "טיטאַניק" שיף וואָס איז דעמאָלס -אויפ'ן וועג קיין אַמעריקע - דערטרינקען געוואָרן אין ים, און וויבאַלד ער איז נישט געפאָרן, איז ער געראַטעוועט געוואָרן פון אַ זיכערן טויט.

זענען נישט וויכטיג, זיי וועלן נישט העלפן און נישט קאַליע מאַכן, נאָר אַלעם ווענדט זיך אין דעם וואָס ס'איז נגזר געוואָרן אויף איהם אין הימל.

**אַזוי** זאָגט דער "שפת אמת" זי"ע (חוקת, תרל"ו, ד"ה "בפסוק") אַ טעם פאַרוואָס דער אויבערשטער האָט געהייסן קוקן אויף דעם "נחש נחשת", ווייל דער אויבערשטער האָט דאָך אַריינגעגעבן אין דעם שלאַנג אַ וואונדערליכן כח צו קענען היילן דעם ביס, ווי דער רמב"ן שרייבט (פסוק ט) אַז אַזוי פירט זיך דער אויבערשטער, צו מאַכן זיס אַ ביטערע זאַך, מיט אַ ביטערע זאַך. דערפאַר האָט דער אויבערשטער אַריינגעגעבן אינעם שלאַנג דעם כח צו היילן. דער אויבערשטער האָט אָבער אויך געוואָלט אַז אין דער צייט ווען זיי וועלן מאַכן אַ נאַטורליכע פעולה צו היילן זייער קערפּער, זאָלן זיי וויסן אַז נישט דער שלאַנג היילט נאָר זיי דאַרפן אַרויפקוקן צום הימל און אונטערטעניגן זייערע הערצער צו דעם אויבערשטען, מיט אמונה תמימה אַז דער אויבערשטער איז דער "רופא חולי עמו ישראל".

"און באמת איז דער שלאַנג געווען מסוגל צו ברענגען די רפואה, ווייל דער אויבערשטער האָט אַריינגעגעבן אין איהם דעם כח פון די היילונג. פונדעסטוועגן, איז דער רצון פונעם אויבערשטען, אַז ווען דער מענטש באַשעפטיגט זיך מיט זיין גשמיות'דיגע רפואה, זאָל ער קוקן און האָבן זיין האַרץ צום הימל, דורך דעם וואָס ער באַרעכנט זיך (אַז אַלעם איז פון דעם אויבערשטען), אַז דער שלאַנג מאַכט לעבעדיג", עכ"ל.

### עינינו אל ה' - דער אויבערשטער גליסט אַז די זאלסט זיין אָנגעוואָנדן אין איהם

**וידבר** העם באלקים ובמשה וגו' כי אין לחם ואין מים ונפשנו קצה בלחם הקלוקל... וישלח ה' בעם את הנחשים השרפים (כא, ה-ו). (דאָס פאָלק האָט זיך אָפּגערעדט אויפ'ן אויבערשטען כביכול און אויף משה רבינו ע"ה, אַז עס איז נישט דאָ ברויט און וואַסער, און זייער לעבן איז פאַר'מיאוס'ט מיט'ן ברויט וואָס איז קאַליעדיג... און דער אויבערשטער האָט געשיקט אויף זיי די פייערדיגע שלענג.)

**דאַרף** מען פאַרשטיין די טענה פון די אידן "כי אין לחם ואין מים", דער אויבערשטער האָט דאָך זיי געשיקט מן פון הימל יעדן טאָג, און אויך וואַסער, זיי האָבן געהאַט פרישע קוואַל-וואַסער, פונעם "בארה של מרים", און יעצט, פונעם וואַסער וואָס איז אַרויסגעקומען פונעם שטיין, ווען משה רבינו ע"ה האָט איהם געשלאָגן?

**ענטפערט** דער "רבינו בחיי" (פרשתינו, ד"ה "כי אין") אַז די טענה פון די אידן איז געווען, אַז אַלע גוים האָבן ברויט צו דער זעט. די גאַנצע עסן איז צוגעגרייט פאַר זיי שוין פון פריער אָן דעם אַז זיי זאָלן דאַרפן פרעגן "מה נאכל" - "וואָס וועלן מיר עסן?". שוין אָפּגערעדט אַז וואַסער האָבן זיי אויך בשפע, און דאָס אַלעס, אָפּגעזעהן דערפון אויב זיי זענען יאָ ראוי געשפּייזט צו ווערן פון הימל, אָדער נישט. דעריבער האָבן די אידן גע'טענה'ט, מיט וואָס זענען מיר אַנדערש פון אַלע פעלקער, וואָס מיר באַקומען "מן" - ברויט פון הימל - יעדן טאָג, און נישט אויף אַ לאַנגע צייט, נאָר יעדן טאָג דאַרפן מיר אַרויסקוקן אויף אַ נייעם שפע פון מן, און אַפילו וואַסער, וואָס איז הפקר פאַר דער גאַנצער וועלט, אָן דעם קען דער מענטש נישט לעבן אויף דער וועלט, האָבן מיר אויך פאַרלוירן ווען מרים איז נסתלק געוואָרן, און מיר דאַרפן זיך כסדר היטן מיט אַלע אונזערע מעשים, אַז זיי זאָלן זיין ווי געהעריג פאַר'ן באַשעפער ברוך הוא, כדי מיר זאָלן האָבן פרנסה אויף אַ טאָג-טעגליכן אופן. מיר ווילן ענדערש האָבן אַ "מסודר'דיגע" און "פאַרזיכערטע" פרנסה[ט].

**טאַקע** צוליב דעם טעם זענען זיי געשטראָפט געוואָרן, ווייל זיי האָבן געלייקנט די גרויסע טובה פון

---

**ט.** די וועלט זאָגט אַ ווערטל, אַ איד האָט מתפלל געווען ער זאָל געווינען אַ "לאָטערי", וואָס איז געגאַנגען אויף די סומע פון אַ מיליאָן דאָלאַר. ער האָט געזאָגט, אַזוי ווי ער האָט - בלי עין הרע - צען קינדער, וויל ער צוגרייטן 100 טויזנט דאָלאַר פאַר יעדע איינע פון זיינע קינדער. האָט איינער איהם געפרעגט, אויב אַזוי, פאַרוואָס דאַרפסטו יעצט האָבן דאָס גאַנצע געלט? האָב בטחון אין דעם אויבערשטען, אַז ער וועט דיר שיקן דיין הילף יעדעס מאָל ווען דו וועסט דאַרפן פירן אַ קינד אונטער די חופה. האָט דער איד געענטפערט: "איך קען נישט

די "מן", וואָס איז געווען פאַר זיי אַ חשיבות. דייקא צוליב די הויכע מדריגה אויף וועלכע דער דור המדבר איז געשטאַנען, זייענדיג ווי מלאכים פון הימל, האָבן זיי באַקומען "מן" פון הימל טאָג-טעגליך (און נישט אויף איינמאָל, פאַר אַ לאַנגע צייט), כדי זיי זאָלן שטענדיג האַלטן זייערע אויגן צום הימל, און אַרויסקוקן אויף די הילף פונעם באַשעפער', ווייל דאָס איז די גרעסטע מעלה פונעם מענטש, ווי דער פסוק זאָגט (תהלים קכג, ב) "הנה כעיני עבדים אל יד אדוניהם" וגו'. דער אויבערשטער האָט ספּעציעל צוגעפּירט אויף אַזאַ אופן, כדי זיי זאָלן זיך איינגעוואוינען מיט די מדה פון בטחון און אמונה אין באַשעפער"[א].

לויט דעם זאָגט דער "רבינו בחיי", אַ טעם פאַרוואָס די אידן זענען גלייך געשטראָפט געוואָרן אַז דער אויבערשטער האָט געשיקט אויף זיי די פייערדיגע שלענג.

---

איבערלאָזן דאָס געלט ביי דעם אויבערשטען... ווייל אויב איך וועל רעדן לשון הרע וכדומה, וועט ער דאָך אין איין מינוט צוריקנעמען דאָס גאַנצע געלט...". ח"ו אפילו אזוי צו טראכטן..

**י.** דאָס האָפען און אַרויסקוקן אויף די הילף פון דעם אויבערשטען, איז דער "אלף-בית" פון יעדע איד, ווי די בעלי הרמז זאָגן, אַז די צאָל פון וואָרט "קוה" איז 111, אַזוי ווי די גימטריא פון אות "אלף". דיך צו לערנען, אַז דער "אלף" פון אַ איד איז צו זיין שטענדיג אין אַ מצב פון "קוה אל ה'"...

**יא.** עס איז באַקאַנט דאָס וואָרט פון די רד"ק ז"ל אויפ'ן פסוק (בראשית ל, כח) "נקבה שכרך עלי ואתנה". לבן זאָגט צו יעקב אבינו ע"ה, זאָג מיר וויפיל איך דאַרף דיר באַצאָלן לוין פאַר דיין ארבעט, און איך וועל עס דיר געבן. יעקב האָט אָבער נישט אָנגענומען לבן'ס "פאָרשלאָג", נאָר געפאָדערט צו באַקומען שעפּסן, "עקודים, נקודים וברודים". זאָגט דער רד"ק, אַז יעקב האָט נישט געוואָלט באַקומען אַ באַשטימטע פרייז, נאָר אַ זאַך וואָס איז "דרך מקרה וטובת הא-ל", ווי אַ "צופאַל" און די טובה פונעם אויבערשטען, ווי ער וועט עס איהם צושטעלן. ווייל לבן האָט געוואָלט אַז יעקב זאָל באַקומען אַ באַשטימטע פרייז יעדע וואָך, דורך דעם וועט ער נישט שפּירן אַז זיין גאַנצע פרנסה ווענדט זיך אין דעם אויבערשטען. אויף דעם האָט יעקב איהם געענטפערט, אַז ער וויל נישט נעמען אַ באַשטימטע פרייז, ווייל דאָס וועט פאַרקלענערן זיין בטחון אין דעם אויבערשטען, ווען ער וועט שפּירן אַז זיין געהאלט איז פאַרזיכערט און באַשטימט. יעקב האָט געוואָלט לעבן אויף זיינע טאָג-טעגליכע מעשים, און דורך דעם וועט ער שטענדיג זיין אָנגעוויזן אויפ'ן באַשעפער.

אַ בחור וואָס איז געשטאַנען אין שידוכים, האָט אַמאָל געפרעגט דעם משגיח פון דער פּאָניעוועזשער ישיבה אין בני ברק, הגה"צ רבי יחזקאל לעווענשטיין זצ"ל, היות מ'רעדט פאַר איהם אַ חשוב'ן שידוך, די מדוברת איז אַ "בת תלמיד חכם", אָבער דער אַנדערער צד פאַרלאַנגט פון זיין טאַטן אַ סאַך געלט פאַר'ן שידוך. האָט רבי יחזקאל לעווענשטיין געפרעגט דעם בחור, אויב זיין פאָטער איז אַן אַרבעטער, אָדער אַ בעל הבית וואָס איז "זעלבסטשטענדיג". האָט דער בחור געענטפערט, אַז זיין טאַטע איז זעבלסטשטענדיג. האָט רבי יחזקאל איהם געזאָגט, ער זאָל זאָגן זיין טאַטן אַז ער קען ענדיגן דעם שידוך, און ער זאָל נעמען אויף זיך יעדע התחייבות וואָס דער צווייטער צד פאָדערט, און מיט'ן אויבערשטען'ס הילף, וועט ער קענען האַלטן זיינע התחייבות'ן.

דער בחור האָט געענטפערט מיט אַ הויכן "אמן", אָבער מיט דרך ארץ, האָט ער געפרעגט דעם משגיח, וואָס איז דער חילוק, אויב זיין פאָטער איז אַן אַרבעטער, אָדער אַ זעלבסטשטענדיגער פאַרדינער? האָט רבי יחזקאל איהם געענטפערט:

- וויסן זאָלסטו, אַז יעדער מענטש האָט פרנסה, לויט וויפיל זיינע אויגן זענען געוואָנדן צום הימל. אַן אַרבעטער פאַרלאָזט זיך דאָך אויף זיין "באָס", אַז דער בעל הבית וועט איהם צאָלן די געהאלט וואָס עס קומט איהם, אין דעם באַשטימטן טאָג, אָבער דער סוחר וואָס איז זעלבסטשטענדיג, פאַרלאָזט זיך אינגאַנצן אויף דעם אויבערשטען, ווייל ער איז שטענדיג אויסגעשטעלט צו די חסדים פון באַשעפער ער זאָל איהם שיקן קונים וואָס ווילן קויפן ביי איהם די סחורה, און וויבאַלד דיין טאַטע איז אַזוי אָנגעוויזן אויף די חסדים פונעם באַשעפער, בין איך זיכער אַז דער אויבערשטער וועט איהם אַוודאי העלפן.

אַזוי איז טאַקע געווען. דעם בחור'ס טאַטע, וועלכער איז געווען אַ גרויסער מיליאנער פון די ביטערע צווייטע וועלט מלחמה, האָט אין דער תקופה צווישן די "תנאים" און די חתונה פונעם פּאָרפאָלק, באַקומען "ווידערגוטמאַכונג" געלט פון דייטשלאַנד, דער גענויער סכום וואָס דער מחותן האָט פאַרלאַנגט פון איהם...

מיר האָבן געהערט פונעם בעל העובדא, הרב ר' שלמה ש. שליט"א, וועלכער פירט אָן מיט אַ חסד-אָרגאַניזאַציע אין ארץ ישראל, וואָס פאַרטיילט צרכי שבת פאַר צוויי טויזנט משפחות. ווײַבאַלד די קאַסע פון דער אָרגאַניזאַציע ווערט פון צייט צו צייט אויסגעליידיגט פון מזומנים און אַנדערע געלטער פונעם לויפנדן בודזשעט, איז ער געצוואונגען אַרויסצופאָרן פון צייט צו צייט קיין אויסלאַנד, וואו ער איז מזכה אידן מיט די מצוה צו באַטייליגן זיך אין זיינע וואוילטעטיגע מעשים.

ביי איינע פון זיינע נסיעות קיין אַמעריקע, איז ער געווען אין באָראָ פּאַרק, וואו ער האָט געאַרבעט צו שאַפן געלט. איינמאָל האָט איינער פון זיינע פריינט איהם צוגערעדט, אַז ס'איז "כדאַי" פאַר איהם צו פאָרן אין אַ ווייטע שטאָט - אַ וועג וואָס דויערט זעקס שעה צו פאָרן פון באָראָ פּאַרק - ווייל דאָרט וואוינט אַ גרויסער עושר, וועלכער טיילט שיינע סכומים פאַר אַזעלכע צדקה-צוועקן ווי זיין אָרגאַניזאַציע, וואָס פאַרטיילט וועכנטלעך סעודות פאַר אָרימע משפחות. יענער האָט צוגעגעבן, אַז ס'איז באַקאַנט אַז אַ סאַך משולחים און נצרכים גייען אַרויס פון יענעם גביר'ס הויז מיט גאָר אַ שיינעם "טשעק"...

אונזער ר' שלמה האָט אָבער געהאַלטן אַז ס'איז נישט ווערד די טירחא, צו מאַכן אַזאַ ווייטע נסיעה פון ניו יאָרק צו יענעם גביר, און ער האָט אָפּגעוואָרפן דעם אָנבאָט. יענער ידיד האָט אָבער שטאַרק מפציר געווען, און ער האָט זיך אַפילו אנגעטראגן איהם צו פירן אהין און צוריק צו יענעם גביר, און ר' שלמה האָט איינגעשטימט.

אָנקומענדיג אַהין צום גביר'ס הויז, האָבן זיי געזעהן טישן פול מיט מאכלים פאַר אַלע געסט, ווײַבאַלד דער באַלעבאָס האָט געוואוסט אַז די מענטשן קומען פון ווייטע ערטער. בשעת ער האָט געגעסן אַ סעודה, האָט דער "גבאי" פונעם עושר איהם געזאָגט, צוויי "הקדמות": א. ערשטנס, ווען מ'קומט אַריין אין צימער פונעם עושר, טאָר מען נישט אָנהייבן רעדן צו איהם, נאָר מ'דאַרף וואַרטן ביז ער הייבט אָן צו רעדן, און ווען ער שטעלט אַ פראַגע, מעג מען ערשט דעמאָלט ענטפערן זיין פראַגע... ב. דער עושר איז מקפיד אַז מ'זאָל קיינעם נישט דערציילן וויפיל געלט מ'האָט באַקומען פון איהם.

אַלזאָ, ער האָט גערעדט מיט'ן גביר וועגן זיין וואוילטעטיגע אָרגאַניזאַציע, און צום סוף, איז ער אַרויסגעגאַנגען מיט אַ טשעק וואָס האָט אַפילו נישט געדעקט די סומע וואָס עס האָט געקאָסט דער גאַזאָלין וואָס ער האָט אויסגעגעבן אויפ'ן לאַנגען וועג אהין און צוריק... דער ידיד פון ר' שלמה, וועלכער האָט איהם צוגערעדט צו מאַכן דעם לאַנגן וועג מיט איהם, און אַז ס'איז כדאי די יגיעה, האָט געהאַט גרויס עגמת נפש, און איז געווען ממש צובראָכן דערפון, אַז ער האָט אַזוי מטריח געווען זיין פריינט ר' שלמה'ן, קעגן זיין ווילן (ער האָט דאָך נישט געהאַלטן אַז ס'איז כדאי צו מאַכן די נסיעה), און נישט נאָר וואָס ער האָט נישט פאַרדינט קיין געלט, נאָר ער האָט נאָך שאָדן געהאַט די הוצאות פון וועגן, און זיך אָפּגעפלאָגט אַזוי פיל שעה'ן, אַרויסגייענדיג "בשן ועין"... ר' שלמה אַליין, איז אָבער אַרויס אין אַ טענצל, דאַנקענדיג דעם אויבערשטען פאַר דעם וואָס ער האָט איהם געוויזן בחוש, אַז די "השתדלות" ברענגט נישט די נויטיגע רעזולטאַטן, ווייל די תוצאה, איז אינגאַנצן נישט פאַרבינדן מיט די "השתדלות".

צוריקפאָרנדיג קיין באָראָ פּאַרק, זענען זיי אָנגעקומען 2 אַזייגער ביינאַכט, און ר' שלמה איז שנעל געגאַנגען דאַווענען מעריב אין דער באַקאַנטער "שומרי שבת" שול אויף דרייצנטע עוועניו, כאָטש געוועגליך דאַווענט ער מעריב פרי, מיט'ן ערשטן מנין. אינמיטן דאַווענען, האָט איינער איהם געקלאַפּט אויף דער פּלייצע. ווען ר' שלמה האָט זיך אויסגעדרייט צו זעהן ווער דאָס איז, האָט ער געזעהן זיינס אַ באַקאַנטן, אַ בעל יכולת, וואָס ער "לויפט" איהם נאָך שוין גאַנצע זעקס יאָר... און ביז היינט, האָט ער נישט זוכה געווען אויפגענומען צו ווערן דורך איהם.

נאָכ'ן דאַווענען, האָבן ביידע זיך צוזאַמענגערעדט, און דער בעל יכולת האָט דערציילט פאַר ר' שלמה'ן, אַז אויך ער דאַווענט קיינמאָל נישט אין אַזאַ שפּעטע שעה, נאָר היינט האָט ער זיך באַטייליגט אין אַ חתונה אינעם זאַל "עטרת חיה", און דעריבער דאַווענט ער יעצט אַזוי שפּעט...

אַלזאָ, זיי זענען געזעסן און געשמועסט צוויי שעה, און דער איד האָט דערלאַנגט פאַר ר' שלמה'ן אַ טשעק אויף נישט ווייניגער ווי ... אַכצן טויזנט דאָלאַר! דאַן האָט ר' שלמה איינגעזעהן, אַז באמת איז נישט דאָ קיין שום פאַרבינדונג צווישן די השתדלות און דאָס געלט וואָס מ'פאַרדינט. אדרבה, דער אויבערשטער האָט איהם געפירט צו אַ ווייטע שטאָט, כדי ער זאָל שפּעט ביינאַכט, 2 אַזייגער ביינאַכט, דאַרפן גיין דאַווענען אין "שומרי שבת", און דאָרט באַגעגענען דעם איד, וואָס פון איהם איז געקומען זיין ישועה...

הרה"ג ר' רפאל רובין שליט"א, רב אין אַ חשוב'ע קהילה אין נתניה, דערציילט אַ פּאַסירונג וואָס איז פאָרגעקומען דריי יאָר צוריק, מיט זיינס אַ תלמיד, אַ חשוב'ער איד, וואָס איינער פון זיינע קרובים האָט זיך אָנגעטשעפּעט אין

איהם, און האָט איהם פאַר'מסר'ט מיט אַן אויסגעטראַכטן בלבול ה' ירחם, אַז ער שלאָגט זיינע קינדער, זון און טעכטער א.א.וו. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער איז ליידער פאַראורטיילט געוואָרן צו זיצן אין תפיסה אנדערהאַלבן יאָר פאַר אַזאַ פאַרברעכן.

ווען ער איז אָנגעקומען אין טורמע, האָבן די אַנדערע אַרעסטאַנטן איהם אויסגעפרעגט פאַרוואָס ער איז אַריינגעקומען, און ער האָט געענטפערט, אַז מ'האָט איהם איינגעזעצט אומזיסט, ער האָט גאָרנישט געטוהן, ווי יוסף הצדיק האָט געזאָגט (בראשית מ, טו) "לא עשיתי מאומה, כי שמו אותי בבור"... עס איז נישט מער ווי אַ געמיינער בלבול וואָס איינער האָט אויסגעטראַכט אויף איהם, אַז ער שלאָגט זיינע קינדער אויף אַן אכזריות'דיגן אופן. די אַנדערע אַרעסטאַנטן האָבן איהם אָבער אויסגעלאַכט, זאָגנדיג "נו, דאָ האָבן אַלע (אַזוי זאָגן זיי) גאָרנישט געטוהן... זיי 'זיצן' אָבער, און דיין גורל איז נישט אַנדערש ווי אונזערער...". דער איד האָט באַשלאָסן אויסצונוצן די צייט וואָס ער זיצט אין תפיסה קעגן זיין רצון, צו אַרבעטן מיט אַנדערע אידן און זיי דערנענטערן צו תורה און מצוות, און ער האָט אָנגעהויבן פאָרלערנען שיעורים אין שול פון די טורמע, און געגעבן שמועסן פון חיזוק פאַר די אַנדערע אַרעסטאַנטן, און ער האָט ב"ה געזעהן אַ ברכה אין זיין ארבעט.

ווען עס האָט זיך דערנענטערט דער יום טוב שבועות, האָט מען איהם געלאָזט וויסן, אַז וויבאַלד ער געפינט זיך שוין אַ האַלבע יאָר אין תפיסה, איז ער יעצט "באַרעכטיגט", אַרויסצוגיין פריי אויף איין טאָג, אויפ'ן יום טוב שבועות. זעלבסט-פאַרשטענדליך, אַז באַלד נאָך שבועות דאַרף ער צוריקקומען אין טורמע.

ער האָט זיך זייער געפרייט מיט די גוטע נייעס, אַז מ'לאָזט איהם אַהיים קומען אויף שבועות, דאָס האַרץ איז דאָך איהם צעגאַנגען פון בענקעניש צו זיינע טייערע קינדער, און צו פאַרברענגען מיט זיי דעם יום טוב. ער האָט אויך געלאָזט וויסן פאַר זיינע נייע "פריינד" אין טורמע אַז מ'לאָזט איהם אַרויס אַהיימצוקומען אויף יום טוב. זיי האָבן אָבער זיך גע'טענה'ט מיט איהם, מיט וועמען לאָזסטו אונז איבער?... ווי אַזוי קענען מיר דאָ פאַרבלייבן אַליין אין יום טוב שבועות? דו ביזט דאָך אונזער "מלמד" דאָ, און פונקט אין דעם טאָג פון "קבלת התורה" פאַרלאָזסטו אונז? ער האָט אָבער געזאָגט אַז שוין אַ האַלב יאָר וואָס ער האָט נישט געזעהן זיינע קינדער, און אויך זיין טאטע און מאממע קוקן אַרויס איהם צו זעהן... פון דער צווייטער זייט, האָבן זיי אָבער נישט נאָכגעלאָזט, און איהם געבעטן בתחנונים, ער זאָל זיי נישט איבערלאָזן יום טוב אַליין אָן אַ מורה דרך און אַ מנהיג.

ערב יום טוב, האָט דער איד באַשלאָסן מוותר צו זיין פון זיין אייגענעם פאַרגעניגן לטובת דעם רבים, און ער האָט איינגעמאָלדן פאַר די פאַרוואַלטער פון די תפיסה אַז ער האָט באַשלאָסן צו בלייבן דאָ במשך פונעם יום טוב. יענע צייט, איז זיין מאמע שוין געווען אויפ'ן וועג צו די טורמע, כדי איהם אַהיים צו נעמען אויף יום טוב, און דער זון האָט שוין נישט באַוויזן איינצומעלדן פאַר איר אַז ער האָט באַשלאָסן צו פאַרבלייבן אין טורמע מיט די אַנדערע אידן. ווען זי איז אָנגעקמען צו די טויערן פון תפיסה, האָט דער וועכטער איר געזאָגט, אַז דער נאָמען פון איר זון ערשיינט נישט אויף די ליסטע פון די מענטשן וועלכע זענען ערלויבט אַהיים צו פאָרן אויף יום טוב...

צומאָרגנס פונעם יום טוב, אסרו חג, איז אַריינגעקומען אין זיין צעל אַ פּאָליציאַנט, און איהם אָנגעשריגן, היתכן ער שעמט זיך נישט... מ'האָט איהם קוים אַהיים געלאָזט אויף איין טאָג, און שוין האָט ער ווידעראַמאָל געשלאָגן זיינע קינדער אָן רחמנות... דער איד האָט נעבעך נישט געוואוסט וואָס דער פּאָליציאַנט וויל פון זיין לעבן, און האָט געזאָגט פאַר דעם פּאָליציאַנט: "איך ווייס נישט וואָס דו רעדסט, איך בין דאָך דאָ געווען גאַנץ יום טוב"... ער האָט אויך צוגעגעבן, אַז דער פּאָליאַנצט קען פרעגן אַלע טורמע אַרעסטאַנטן, און זיי וועלן באַשטעטיגן אַז ער איז געווען מיט זיי גאַנץ יום טוב. צום סוף האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז זיין קרוב, דער פריערדיגער "מלשין", האָט געהערט אַז ער קומט אַהיים אויף יום טוב, האָט ספּעציעל געשלאָגן זיינע קינדער, די זון און טעכטער, און באַלד מוצאי יום טוב איז ער געגאַנגען אין דער פּאָליציי סטאַנציע און נאָך אַמאָל איהם פאַר'מסר'ט אַז ער האָט נאָך אַמאָל "געשלאָגן" זיינע קינדער... ער האָט אַפילו געברענגט אַלס אַ "באַווייז" די ביילן וואָס זיי האָבן געהאַט אויף זייערע גופים...

אַלזאָ, יעצט האָט די טורמע פאַרוואַלטונג שוין איינגעזעהן אַז די גאַנצע זאַך איז געווען אַ בלויזער בלבול, און מ'האָט איהם גענצליך באַפרייט פון טורמע. מ'האָט פאַרמאַכט דעם גאַנצן "פייל", און ער איז אַהיים געקומען לחיים ולשלום...

פון דעם לערנען מיר ווי דער אויבערשטער פירט די וועלט. דער מלשין איז דאָך געווען זיכער אַז אָט-אָט וועט איהם געלינגען איהם נאָך מער שלעכטס צו טוהן, ער זאָל דאַרפן "פאַרברענגען" אין תפיסה אַ לענגערע צייט ווי

דער פסוק זאָגט "הנחשים השרפים", מיט "ה"א הידועה", און נישט סתם "נחשים שרפים". דאָס איז אַ רמז, אַז די פייערדיגע שלענג זענען דאָרט געווען שוין פון פריער, ווי דער פסוק זאָגט (דברים ח, טו) "במדבר הגדול והנורא נחש שרף ועקרב". נאָר וואָס דען, ביז יענעם טאָג האָט דער אויבערשטער זיי געשיצט פון אַלעם בייזן. עס איז געווען אַ וואָלקן פון די זיבן וואָלקנס וואָס איז געגאַנגען פאָראויס פאַר די אידן, און דער וואָלקן האָט אויסגע'הרג'עט די שלענג און עגדיסן אַז זיי זאָלן נישט שלעכטס טוהן.

**דער** וואָלקן איז געווען ספּעציעל געצילט פאַר דער נס, אַז די חיות און שלענג וואָס געפינען זיך אין מדבר, זאָלן נישט קענען טשעפּען מיט די אידן. נאָר וויבאַלד די אידן האָבן זיך אָפּגערעדט אויף דעם וואָס זיי זענען אָנגעוויזן אויף דעם אויבערשטען, און זיי האָבן געוואָלט זיין ווי די אַנדערע גוים, צו לעבן אונטער אַ הנהגה פון די טבע, וועגן דעם האָט דער אויבערשטער כביכול אָפּגעטוהן פון זיי זיין השגחה, און ער האָט נאָכגעגעבן זייער פאַרלאַנג, צו זיין ווי "הפקר" פאַר די פּגעי הטבע, און דאָס האָט געפירט דערצו אַז די שלענג האָבן זיי געביסן, ווי ס'איז דער "דרך הטבע" פון דער וועלט.

**ענליכע** ווערטער, שרייבט דער "אור החיים" הקדוש, פאַרוואָס דער אויבערשטער האָט זיי נישט תיכף ומיד אויסגעהיילט, נאָר ער האָט זיי באַפוילן צו קוקן אויף דעם "נחש הנחושת". דער אויבערשטער האָט זיי געוואָלט מעורר זיין צו תשובה אויף דעם וואָס זיי האָבן געהאַט תרעומות אויף דעם וואָס דער אויבערשטער פירט זיי דורכ'ן מדבר, וואָס דאָרט איז נישט דאָ וואָס צו עסן און טרינקען, און ער האָט זיי נישט געפירט קיין ארץ ישראל דורך אַן אָרט וואָס עס איז דאָרטן דאָ ברויט און וואַסער, ווייל דער אויבערשטער האָט געוואָלט אַז זיי זאָלן שטענדיג ווענדן זייערע אויגן צו איהם, פאַר אַלעם וואָס זיי דאַרפן האָבן.

**צוליב** דעם גופא האָט דער אויבערשטער נישט אָפּגעטוהן פון זיי די שלענג, נאָר ער האָט געלאָזט די שלענג זאָלן בייסן די אידן און דערנאָך זענען זיי אויסגעהיילט געוואָרן ווען זיי האָבן אויפגעהויבן די אויגן צו זייער טאַטן אין הימל... דער אויבערשטער האָט ספּעציעל געוואָלט עס זאָל זיין אויף אַזאַ אופן, כדי זייער האַרץ זאָל זיין שטענדיג, נאָנט צו דעם אויבערשטען, אַזוי ווי אַ זון וואָס קוקט אַרויס צום טיש פון זיין טאַטע בייטאָג און ביינאַכט, און אין יעדע צייט[יב].

**דער** "אור החיים" הקדוש פירט אויס: אויב דער אויבערשטער וואָלט זיי געברענגט דורך אַ באַוואוינט אָרט, וואָלטן זיי נישט געהאַט די שטענדיגע דקיבות ווען אַלע זייערע באַדערפענישן וועלן זיין אָנגעגרייט פאַר זיי. "ומה מאד יסובב דבר זה הרחקת הלב מהכרת השגחת הבורא ויראת רוממותו", און ווי

---

בלויז די אנדערהאַלבן יאָר צו וועלכע מ'האָט איהם פאַראורטיילט, אָבער דווקא דורך דעם מלשין אַליין איז אַרויסגעקומען פאַר איהם אַזאַ גרויסע טובה.

נאָך מער לערנען מיר פון די געשיכטע, אַז אַ מענטש האָט קיינמאָל נישט שאָדן פון טוהן אַ טובה פאַר אַ צווייטן איד. אויב עס האָט זיך איהם לכתחילה געדאַכט אַז ער האָט "מוותר" געווען פאַר די אידן וואָס האָבן זיך געפונען אין טורמע, און ער האָט "שאָדן" געהאַט דעם זכות צו פאַרברענגען דעם יום טוב שבועות אויסער די ווענט פון דער טורמע, האָט זיך צום סוף אַרויסגעשטעלט, אַז דווקא דורך דעם האָט ער זוכה געווען באַפרייט צו ווערן אויף אַ גאַנץ יאָר, פאַר די צייט וואָס מ'האָט פאַר איהם באַשטימט.

**יב.** די גמרא זאָגט (פסחים קיח.) אַז דער זיווג, און די פרנסה פונעם מענטש, איז שווער פאַר'ן אויבערשטען כביכול ווי דער נס פון קריעת ים סוף. פרעגן די מפרשים, ווי אַזוי איז שייך ביי דעם אויבערשטען - דער "כל יכול" - דאָס לשון "שווער"?

איז דער תירוץ, ווייל דער מדרש זאָגט (שמו"ר פכ"א, ה) אַז דער אויבערשטער האָט אַרומגעפירט די אידן אין מדבר, אויף אַן אופן אַז די מצריים זענען געווען אויף איין זייט און דער ים איז געווען אויף דער צווייטער זייט, און זיי האָבן נישט געהאַט אַ וועג זיך צו ראַטעווען פון די צרה. דער אויבערשטער האָט דאס ספּעציעל געמאַכט אויף אַזאַ אופן, כדי זיי זאָלן דאַרפן מתפלל זיין צו איהם, ווייל דער אויבערשטער גליסט צו הערן די תפילות פון אידישע קינדער. און דער מדרש שטעלט-צו דערצו, דעם פסוק (שה"ש ב, יד) "יונתי בחגוי הסלע בסתר המדרגה וגו',

שטאַרק טוט די דאָזיגע זאַך (וואָס מ'האָט שטענדיג גרייט פון אַלעם גוטן) צופירן דעם מענטש צו דערווייטערן זיין האַרץ פון דער אנערקענונג אַז דער אויבערשטער האַלט זיין השגחה אויף דער וועלט, און צו מורא האָבן פון איהם, עכל"ק[יג].

**דער** אויבערשטער זאָל העלפן, עס זאָל בקרוב מקוים ווערן ביי אונז די הבטחה פון באַשעפער, "וזרקתי עליכם מים טהורים וטהרתם", און עס זאָל זיין "ומלאה הארץ דעה את ה'", בבוא לציון גואל, ויקבץ נדחינו מארבע כנפות הארץ, חברים כל ישראל, ונאמר אמן.

---

השמיעיני את קולך כי קולך ערב", אַז דער אויבערשטער האָט געוואָלט הערן זייער קול. נאָך דעם ווי די אידן האָבן געשריגן צום אויבערשטען, האָט ער זיי געוואָלט העלפן און שפּאַלטן פאַר זיי דעם ים. דער אויבערשטער האָט אָבער געוואוסט אַז יעצט וועלן זיי אויפהערן צו דאַווענען צו איהם, און דאָס איז געווען "שווער" אין זיינע אויגן כביכול, ווי די חז"ל זאָגן (לגבי שמיני עצרת), אַז דער אויבערשטער זאָגט "קשה עלי פרידתכם", עס איז "שווער" פאַר מיר צו געזעגענען זיך פון אייך.

דאָס זעלבע איז מיט די פרנסה פונעם מענטש. דער אויבערשטער וויל אַז דער מענטש זאָל מתפלל זיין צו איהם, און דעריבער איז ער נישט משפיע פרנסה בהרחבה אויף איין מאָל, ווי די גמרא זאָגט (יומא עו.) וועגן דעם מן. אַזוי איז אויך לגבי אַ זיווג, דער אויבערשטער קוקט אַרויס אַז זיינע באַליבטע אידישע קינדער זאָלן בעטן און שרייען "מאין יבוא עזרי". ס'איז אָבער "שווער" פאַר דעם אויבערשטען כביכול צו ערפילן זייער ביטע, ווייל דאַן וועלן זיי דאָך ווייטער נישט דאַווענען צו איהם...

דאַרפן מיר טאַקע זעהן זיך צו ווענדן צו דעם אויבערשטען אין יעדע צייט, סיי איידער עס קומט די ישועה, און סיי נאָך דעם, ווען מ'דאַרף איהם לויבן און דאַנקען פאַר די חסדים וואָס ער טוט מיט אונז. אויב עס וועט נישט זיין "פרידתכם" - מיר וועלן זיך נישט "געזעגענען" פון תפילה, וועט אויך נישט זיין "קשה" ח"ו פאַר דעם אויבערשטען כביכול, נאָכצוגעבן אונזער פאַרלאַנג, ווייל מיר וועלן דאָך ווייטער מתפלל זיין צו איהם ער זאָל אונז העלפן און משפיע זיין אויף אונז אַלע גוטע חסדים.

מ'דערציילט טאַקע אויף איינע פון די יקירי ירושלים, הרה"צ רבי יצחק דוד גוטפאַרב זצ"ל, אז ער האָט אַמאָל זיך גענויטיגט אין אַ ישועה, און ער איז געגאַנגען פערציג טעג צום כותל המערבי, מתפלל זיין אויף די ישועה. אבער ווען ער איז געהאָלפן געוואָרן, איז ער געגאַנגען נאָך פערציג טעג, כדי צו דאַנקען דעם אויבערשטען פאַר דעם חסד וואָס ער האָט מיט איהם געטוהן ווען ער איז געהאָלפן געוואָרן פון הימל.

**יג.** עס איז באַקאַנט אַז אַ סאַך צדיקים (ווי הרה"ק רבי מרדכי'לע נעשכיזער זי"ע, דער הייליגער צאַנזער רב בעל "דברי חיים" זי"ע, ועוד) האָבן זיך נישט געלייגט ביינאַכט אויפ'ן בעט, אויב זיי האָבן געהאַט אַפילו איין פרוטה אין זייער באַזיץ וואָס זיי האָבן נישט פאַרטיילט אויף צדקה.

קען מען אפשר זאָגן אַ טעם דערפאַר, ווייל ווען דער מענטש האָט אַפילו איין פרוטה, איז ער נישט אַזוי אנגעוויזן אויף דעם אויבערשטען, ווייל ער האָט דאָך נאָך געלט צו קויפן מאָרגן ברויט. נאָר נאָך דעם ווי ער האָט שוין נישט אַפילו אַ פרוטה, קען ער שפירן אַז ער איז אָנגעוויזן אויף דעם אויבערשטען, און אַרויפוואַרפן זיין "פעקל" אויפ'ן באַשעפער פון דער גאַנצער וועלט, אַז ער וועט איהם אַוודאי שפייזן בחן ובחסד וברחמים. דעריבער האָבן זיי זיך אַראָפּגעלייגט ערשט נאָך דעם ווי זיי האָבן נישט געהאַט אין זייער באַזיץ אַפילו אַ פרוטה.

דער גאון רבי שלמה קלוגער זי"ע, שרייבט אין זיין צוואה ("לשון צדיק", בצוואה מיום א' ח"י חשון תרי"ג, אות א') אַז ער באַפעלט מ'זאָל איהם נישט לייגן נעבן אַן עושר... אפילו אויב ער איז געווען אַ "מוחזק בכשרות", נאָר נעבן אַן אָרימאַן. זאָל עס אַפילו זיין אַן "עני שבעניים" - אַ בלוטיגער אָרימאַן... נאָר ער זאָל זיין אַ "מוחזק בכשרות". ווייל אָפּט מאָל איז אַ מענטש וואָס האָט פון אַלעם גוטן, שפירט ער נישט אַזוי אַז ער דאַרף אָנקומען יעדע מינוט צו די חסדים פון דעם אויבערשטען ברוך הוא.